מרדכי לאנדער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים אַ שנת חיים ושלום.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונ־זערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

ר ע ד אַ ק צ י ע   נ א ט י ץ

אליהו פאַלושאַקס דערציילונג, דאָס ראָמאַן־קאַפיטל פון משה דאָמב. די רעדעס איבער י. י. טרונק ע.ה. געהאַלטן אויף דער יזכור־אַקאַדעמי־ע א. מ. קייזערס עסיי א. א. וועלן קומען אין אָקטאָבער נומער „לשון און לעבן“.

---

פריינט פון יידיש **לשון** דריקן אויס זייער טיפן מיטליד צו זייער פרעזידענט, **י. ביעטש**, צום טויט פון זיין קוזין.

מיר באטייליקן זיך און דעם גרויסן צער צוליבן פלוצומדיקן טויט פון אונזער טייערן פריינט און לאנדסמאן **דוד ביעטש** אונזערע טיפסטן מיט־געפיל צו זיין פרוי, און זון. זייט געטרייסט און דעם גוטן נאמען וואס ער האט איבערגעלאזט. סקערניעוויצער און ראווער הילפס פאראיין.

---

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן“

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַבעט דער כעלעמער פאָעט“, שמואל ווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
WHOLESALE WAREHOUSEMEN
Knitwear - Blouses - Underwear

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

TOWER HAMLETS LIBRARIES



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 1־360) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אָק.־נאָו. 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט:

נאָכן אָפקלאַפּן די הושענא׳ס... ברוכים הבאים (צו די יידיש אַקטאָרן פון פוילישן מלוכה־טעאַטער ..... ** 1
ווייטשעפל (ליד) ..... יוסף לעפטוויטש 4
דער צווייטער „טרעק“ צום מערב ..... אליהו פאַלושאַק 5
אויף חרובע וועגן ..... משה דאָמב 9
באבי יאר (פאָעמע) ..... יעווגעני יעווטושענקא 13
יאוש (ליד) ..... שמואל ווהייט 15
אריבער איבער דער בריק (פראָזע), אָסיען־וואַריאַציעס (לידער) א. נ. שטענצל 15
פון טרונק א׳ ביז טרונק ב׳ (נאָכן ארון פון י. טרונק) ..... א. מ. קייזער 41
נאָטיצן פון אַ ליינער ..... מ. אלמאַן 46
„שלא יכשלו בלשונם“ (בריוו) ..... ל. ביילי 47
צו דער העברעאישער דערציאונג אין לאָנדאָן, צו אלחנן וואָגלערי באַזוך דאָ, דר. אהרן שטיינבערג אַ בן שבעים, דר. יעקב מיטליסן א רפואה שלימה, יוסף לעפטוויטשן צום דערפאָלג פון זיין פרץ בוך. ..... ש. 48

---

## סעמינארס פאר יידיש וויסן און קולטור

יעדן דינסטיק אוונט, 8 אזייגער, אין קאַנאָן באַנעט־סקול, קאָמערשל סטר. א.ו. קומען פאָר לעקציעס פון באַקאַנטע יידישע געלערנטע און וויסנשאפטלער איבער יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע א.א. אָביעקטן. די קורסן זיינען איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון און די ל.ק.ק. יעדער איז איינגעלאַדן

איינטריט פריי!

### פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## „דויטשלאנד דויטשלאנד" . . .

וואָס ווייסן מיר ? אפשר איז טאַקע מלחמה
הרגענען, קוילען אַ מחיה, אַ לעבן ?
„על חרבך תחיה" ! האָט דאָך אַזאַ מין ברכה
טאַטע יצחק זיין זון, עשיו׳ן, געגעבן.

און אַז ביי־די „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס",
איז מלחמה פירן זייער גרעסט פאַרגעניגן :
מאַרשירן, שווערד־שאַרפן, שיסן, בלוט־פאַרגיסן — —
אַליין אַ העלד אויף שלאַכט־פעלד בלייבן ליגן !

זאָל זיין אַ מיתה־משונה — נאָר איינגעמען !
ביז צום לעצטן סאָלדאַט פאַרלירן — נאָר מאַרשירן !
דאָס אייזערנע קרייץ אויף דער מצבה קריצן,
אויף קוליעס שפּאַצירן, בלינד אַ הונט זאָל פירן — —

עס איז אים, דעם „איבער־מענטש", דעם „הערן־פאָלק",
די טריפענע יוכע — ס׳בלוט אין קאָפּ געשטיגן,
מוז ער ווען מיט דער פויסט אין דער פרעסע געבן,
אָדער, כאָטש אַליין גאָר, אין דער פרעסע קריגן.

איז מילא, זייער פיין און ווויל — פאָטערלאַנדס ברכה !
וויל מען זיך ביז אין טויט אַריין מיט איר האַלטן —
„לעבן און לעבן לאסן" ! איז זאָלן זיי זיך
די בייכער אויפשניידן, די קעפּ צעשפּאַלטן.

זיך איינס דאָס אַנדערע די נעזער אָפּבייסן !
פון העלדן השגות וואס ווייסן פּראָסטע מענטשן ?
זאָלן זיי זיך איינס־ס׳אַנדער, בלוט־פאַרשכורט,
מיט דובינעס אין די הענט אין די קעפּ „זיך בענטשן".

דערימעך בלייבט טאַקע די איינציקע עצה,
אַז דייטשלאַנד זאָל בלייבן אין צווייען צעשניטן,
און ווען ס׳וועט זיי באַפאַלן די העלדן־תאוה,
איז איינער קייגן צווייטן אַרויסגעריטן.

זיך געשאָכטן, געקוילעט אויף וואס די וועלט שטייט,
ברודער און ברודער זיך געגעבן אין טאַטן,
דער ריין און דער מיין און די שפּרע און די עלבע
מיט בלוט פול — — אָבער קיין מענטש זאָל עס נישט שאַטן !

וואס פאַרשטייען מיר פון אזא וואָטאַן־תענוג,
שרייען „הייל־הייל !" און ווי חזירים זיך קיילן ?
אפנים, איינציקע איצה, זיי אויסצוהיילן,
טאַקע : „דויטשלאַנד דויטשלאַנד", געטיילט אין צוויי טיילן.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 1־360) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר אָק.־נאָו. 1961 לאָנדאָן

## נאכן אפקלאפן די הושענאס . . .

ווייטשעפל האט נישטמער זיין הדרת־פנים פון אמאל, נישטמער זיין יידישלעכע צורה, אבער עס האט נאך נישט פארלוירן זיין צלם־אלקים. דעם אטלאס־זיידענעם שבת־יום־טוב־געוויש הערט מען נישטמער. אויף א ווייס פערד, פארויס פאר זיין שניידערישער געוואַרדיע, רייט נישט א „שמעיה גבור" צו דער יום כפור־סעודה נאך „כל נדרי". אבער ווייטשעפל האט שוין געהאט זיינע טיף־איינגעשניטענע שטערן־שטריכן, זיינע נעפלדיקע געזיכט־ריסן נאך איידער די פוליש־ליטווישע, גאליציש־רומענישע יידן האבן זיך באזעצט אין די פארוואנצטע הייזלעך פון דער אוועקגעצויגענער ארימקייט נאך בעטנאל גרין. שוין מיט אסך דורות פריער האבן די עולי־שפאניע וגער־מאניע פארהילכט דא די געסלעך מיטן „אדוני הוא אלוהים".

אלע טאג פון א גאנץ יאר רוישט נאך איצט דער ווייטשעפל מיט יידישן מסחר, אבער די נעכט פארשמעקן נישטמער אויף א צוויי מייל אין קוואדראט מיט יידישע רעסטאראנדלעך. פון אלע געסלעך און ליקלעך ציען זיך די כינעזיש־אינדישע קאפעלעך און „קלאבס" פון די כלערליי קאלירטע העט־העט אין די הרי־חושך . . . און אין מיטן ווייטשעפל שטייט שוין א „זשעלי־מען" מיט כלערליי ים־ברואימלעך איינגעלייגט אין זויערן.

יא, די נעכט פון א גאנץ יאר האט אלץ איין פינסטער פנים, אבער אין די הייליקע טעג האבן זיך פון צווישן די קאלירטע אנגעהויבן ארויסצושיילן „בני־ישראל" פנימער פון אינדיע, מאראקאנישע עולים פון ישראל, וואס די גרויסע האלב־ליידיקע פארטוגעזישע שול איז פאר זיי, מזרח־אזיאטישע יידן, צי פארנעם ווי פאר אונז, מזרח־אייראפעאישע מיט א זעכציק־זיבעציק יאר פריער די דיוקס־פלייס שול איז געווען—און זיך פארזאמלט אין אן אייגן בית־הכנסת און די קאלירטע פנימער האבן געלויכטן אין דער כל־נדרי ליכטיקייט : „שערי דמעות לא ננעלו".

יא, ווייטשעפל האט נישט פארלוירן דעם צלם־אלקים ! די תושבים־יידן פון קריקלוואוד און גאלדערס גרין און די ענגלישע יידן „עד דור העשירי" האבן נישט פארגעסן זייער ווייטשעפל ; אין די פאר שולן, וואס ווייטשעפל האט נאך, האט מען געזעען „פרעזידענטן" ארויסלייכטן פון „די באקס", עקסטרע אהערגעקומענע ווי די „ישובניקעס".

עס איז ארומגעגאנגען א סלוך, אז דער טשיף־ראביי וועט היי־יאר נישט קומען נאך ווייטשעפל, ער וועט זיין אין דער נייער מארבל־ארטש סינאגאגע, די אקארשט אויפגעבויטע, וואס האט אפגעקאסט איבער א האלבן מיליאן פונט. ד"ר ישראל ברודיע אבער מיט זיין חוש פאר היימישער טראדיציע האט

געהאַלטן יום־טוב אין ווייטשעפּל.

עס איז נישט קיין רבותא, אַז אַ לאָנדאָנער טשיף־ראַביי קאָן האַלטן רירנדיקע און פיין־אויסגעטאָקטע ימים־נוראים פּרעדיקס אין אַ סטיליזירטן קעמבריטש, צי אָקספאָרד־ענגליש, אָבער איבער אַ רירנדיקן מאָמענט אין צווייטן טאָג ראש־השנה נאָך מנחה ווילט זיך אָפּשטעלן.

עס איז נאָך צופרי צו דאַווענען דעם וואָכעדיקן מעריב. דער טשיף־ראַביי פון זיין מרא־דאתרא־שטול פאַרן „ארון־קודש“ זעצט זיך פאַרן „עולם“ פון קוים צוויי מנינים יידן, — אַריינגערעכנט שוין די „עשרה בטלנים“! — מיטן סידור אין דער האַנט און הייבט אָן מיט אַ פּסוק אין „אשרי“. קודם דאָס אַרומריידן די געשיכטע פונעם סידור פון ר׳ עמרם און ר׳ סעדיה גאון איבער ר׳ יעקב עמדין, און דערנאָך דאָס אַריינדרשענען דעם פּסוק מיט אַ משל און צייטמעסיקן מוסר, מיט אַזאַ פּשטות, מיט אַזאַ נחת־רוח, ווי פון אַ קאַטעדרע אַראָפּ פאַר הונדערטער סטודענטן, ווי פון מעלעמער אַראָפּ פאַר טויזנטער מתפּללים. עס געהער שוין אַסך מענטשלעכע גרויסקייט דערצו, אַז דער גייסטלעכער מנהיג פון דער אימפּעריע פון ענגלישן יידנטום איז בכח דערצו.

די פּאָר היימישע רבנים האַלטן נאָך זייערע דרשות אין די שולן דאָ אין יידיש! די יינגערע, מיט די קאָקני־בערדלעך, קאָקעטירן און דראַפּן זיך שוין מיט זייער צורעכט געמאַכט און קאַלע געמאַכט ענגאַליש אויף די ליידיקע ווענט — „כותלי בית המדרש יוכיח...“

* * *

יאָ, רעליגעזע און נאַציאָנאַלע יידן באַמיען זיך מיט אַלע כוחות עפּעס צודערהאַלטן! ווו זיי ציען זיך שטעלן זיי אויף שולן, „צענטערס“ חדרים, „סקולס“ — ווייטשעפּל איז זיך מתפּשט איבער דער גאַנצער מעטראָפּאָליע; מיט יידישקייט, מיט יודנטום, מיט ישיבה־פאַבריקל, מיט ציוניסטישע־מאַשין — עס אַרבעט אויף אלע כלים!

ר׳ צדוק׳ס אויסגעקוועטשטע פייג איז פאַרוואַלגערט אין גאָלדערסגרין, אין קריקלווד און מ׳היט זיך איבער איר נישט אויסגעגליטשט צו ווערן און די שאָלעכץ פון ר׳ מאיר׳ס עסנדיקער מילגרוים שלענגלט זיך ביז עדזשוער און ברענד — אָן זאַפט און אָן תוך!

וואָרום פרומקייט אָן אייגענער און דורות־איינגעהיימישטער קולטור איז בהימשיער אָקסן־שריט, און נאַציאָנאַליזם אָן שעפערישע גייסטיקייט קאָן ווערן אַ חיה־רעה מיט שפּיציקע הערנער, נישט ווייניקער געפערלעך ווי מעכאַניזירטער סאָציאַליזם. און ווען ביידע גייען צוזאַם, און אפילו ווען זיי נעמען דעם דריטן אין קאָן אַריין האָט עס אַפּנים פון חוזק — שייקע־שלימזל עט קאָמפּאַניע! רעליגעזע־צערמאָניע, אָן נאַטירלעכע און אינערלעכע פאַרבונדונג, פערוואַנדלט אין פּראָפּאַגאַנדע איז סטעריל, איז שלעכט טאַטער — ווי נעבעכדיק! ווי קאָמיש!! מיט גראָשנדיק קאַפּעלע אויפן קאָפּ קאָן מען נישט צודעקן די אימפּאַטענץ־גליאַצע!!

באמת, די אַטלעסענע קאַפּאָטע אין סטאַמפּאָרד־היל קאָן אַמאָל זיין אַ שטאַרקערער פאַנצער פאַר דעם פיל גערימטן „סורוויוואַל“, ווי אַ גענעראַלס־



קער מונדיר מיט גאָלדענע עפּאָלעטן... אָבער וואָסער ווערט האָט שוין, מישטיינסגעזאָגט, דער גאַנצער „סורוויוואַל“ אָן שעפערישע גייסטיקייט? עס פּאַשעט זיך אַ מעלה־גירה פאַרן „כשר־בוטשער“...

וועלן מיר גאַנץ אונטערהאַקן, חלילה דעם טויזנט יאָריקן דעמב פון יידישן פאָלקלאָר — אַ פולער מיט זינגענדיקע פייגל ביז זיין שפּיץ און מיט בריענדיקע נעסטער אין זיין געצווייג! — וועט אפילו אין ארץ־ישראל נישט בלייבן מער ווי אַ פּניאַק, וואָס זיינע וואָרצלען וועלן לעכצן נאָך אַ לעצטן טראָפּ און אים שווער געפינען. אויב דער וואַקסנדיקער שטאַם איז אונטערגעהאַקט גייען אויס זיינע וואָרצלען אין דער פעטסטער ערד.

אונזער שטאַם־בוים איז דער אָריענט, זיין יוסטע צעצווייגטקייט דער אָקסידענט — אָ, ווי אונזערע זאַפטיקע פּירות וואַלגערן זיך אַצינד אין שאָדן! — דאָ, אין ווייטשעפּל נאָך אפילו האָבן מיר געלעבט אין זיין שיצנדיקן שאָטן.

אַלע בלעטער זיינען שוין אַראָפּגעפאַלן. דער בעזעם קערט זיי שוין אויס. דער אויפגעהויבענער, אין האַלדז־קרעלנדיקער, שטויב, בייסט טרערן פון די אויגן... מ׳וועט אַמאָל, לימים, אַרויסנעמען אַזאַ פאַרוויאַנעט בלעטל, איינגעפּרעסט צווישן צוויי בלעטער אין אַ באָטאַניש לערן־בוך, וואָס אַ געפיל־פול פאַראינטערעסט יינגל האָט עס דאָרטן באַהאַלטן און מען וועט באַוואונדערן די הויטיק־איינגעשרופּענע פאַרוועלקטע איידלקייט פון די אַטלעס־זיידענע פלעכן אין צאַרט־קרישלדיקע אָדערל־שטריכן.

אַז אָך און ווי, צו וואָס פאַר אַ נוצן ס׳קאָן נאָך דינען אַן אונטערגעהאַקטער בוים? זיין שטאַם ווערט צעהאַקט אויף שייטן פאַרן שייטער־אויוון, און זיין פּניאָנק אויסגעקאָרניעט פאַר אַ יאַטקע־קלאָץ.

אַ פאָלק וואָס היט נישט אָפּ זיין שעפערישע גייסטיקייט איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי ס׳איז באמת טיף־רעליגעז — פּנימיתדיק! — און צי ס׳פאַרמאָגט נאָך דעם זאַפטיקן כוח צו ווערן צוריק אַ געזונט פאָלק.

יאָ, „נצח ישראל לא ישקר“! אַלע פיר ווינטן האָבן זיך פאַרשווירן: פון אונטער די טרעטנדיקע פיס נאָך פון די ראָיענדיקסטע וואַלד־חזרים. אַ לעבעדיק זוימענדל דאָ און דאָרט צו פאַרשליידערן, און ווי ווילד און ווי פאַרוואָרלאָזט, און דער שטאַם־בוים אונזערער הייבט ווידער אָן צו בליען און אויסצוטראָגן און צו צייטיקן זיינע זאַפטיקע פּירות, און אַרום אים פלאַטערט עס און זינגט ביז צו זיין שפּיץ אַרויף, און אין די נעסטן צווישן זיינע פרישע צווייגן בריט זיך פריש אויס צאַפּלדיק לעבן.

## ברוכים הבאים

שוין צום דריטן מאָל גאַסטראָלירט דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער פון פוילן דאָ ביי אונז — אַ חזקה! דער טעם ליגט נאָך אין מויל פון די ערשטע צוויי מאָל. אַצינד, אַז אונזער ישוב קאָן זיך ליידער נישט פאַרגינען קיין אייגן שטיקל טעאַטער מער, איז זייער קומען ממש אַ פאָלק־דינסט פאַר די מאַסן יידיש ריידנדיקע און נאָך פאַרשטייענדיקע אין לאָנדאָן און אַ קולטור־טאַט פאַר אונזער ישוב דאָ בכלל. זייט געבענטשט פאַר אייער קומען צו אונז.

## יוסף לעפּטוויטש

### ווייטשעפּל

אז איך גיי פאַרביי ווייטשעפּעל־קירך,
איצט אין דער אוונט שעה,
טראַכט איך — אין די גאַסן איז געווען מיין היים,
איך בין אויסגעוואַקסן דאָ.

ווי אַ פעסטונג איז געשטאַנען די קירך,
ווי אַ פעסטע גוישע וואַנט.
און דאָ אַרום איז אַלץ געווען
אונזער יידיש לאַנד.

בלייק האָט געוואָלט ירושלים
בויען אויף דער ענגלישער ערד.
מיר האָבן געבויט ירושלים אין ווייטשעפּל.
אַזוי איז געווען באַשערט.

דאָ האָבן מיר תפילה געטון,
נאָכגעזאָגט משה רבינו׳ס וואָרט,
זיך אויסגעלעבט יידיש, ווי יידן לעבן זיך אויס,
אין יעטוועדן אָרט.

דאָ איז געווען ירושלים ב׳ענגלאַנד,
דאָ האָבן מיר גערעדט מיט גאָט.
דאָ איז געווען אַ יידיש שטעטל,
אָט דאָ אין ווייטשעפּעל, אָט.

דער טעמז איז געוואָרן, ווי דער ירדן אַמאָל,
אונז הייליק ביז גאָר.
מיר האָבן אין זיינע וואַסערן אַריינגעוואָרפן
אונזערע זינד, צום נייעם יאָר.

איצט שטייט חרוב ווייטשעפּעל קירך.
היטלער האָט צושטערט די גאַנצע גאַס.
ער האָט חרוב געמאַכט אונזער גאַנץ ווייטשעפּל,
מיט זיין מערדערישן כעס.

ער האָט אונז צושטערט ווי קאָווענטרי,
ווי אַ סך ענגלישע שטעט דאָ אין לאַנד.
אָבער ווייטשעפּעל איז געשטאָרבן אַ טאָפּלטן טויט,
ביי היטלערן אין דער האַנט.



ער האָט אונזער ווייטשעפּעלער־געטאָ צעקלאַפּט,
געמאַכט אונז צו שאַנד און צו שפּאָט,
ניט נאָר ווי אַ טייל פון דער ענגלישער ערד,
נאָר אויך ווי אַ יידישע שטאָט.

ער האָט אונז צעקלאַפּט ווי דעם וואַרשאַווער געטאָ.
ער וואָלט אונז צעשאָכטן אויך.
מיר וואָלטן אומגעקומען ווי די פּוילישע יידן,
אין די גאַז־אויוונס, מיטן רויך.

אַז יידן ריידן איצט פון ירושלים,
אָדער ווילנאַ, אָדער ניו־יאָרקער איסט סייד,
מוזן זיי אויך ריידן פון ווייטשעפּל,
מיט שטאָלצע געהויבנע רייד.

## אליהו פּאָלושאַק

### דער צווייטער „טרעק“ צום מערב

מאָרגן דינסטיק איז דער זיבעטער טאָג פונם חודש מערץ, דער טאָג פון אונדזער גורלדיקער נסיעה, און היינט מאָנטיק האָבן מיר נאָך אַ סך צו טון און צו באַזאָרגן. גיטעלע איז פאַרמיטיק אַוועקגעפאָרן נאָך עסען (ביי דער רוהר), וווּ זי האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן, איידער מיר האָבן חתונה געהאַט. זי וויל גיין צו איר באַקאַנטן פריזיר־סאַלאָן זיך לאָזן די האָר שניידן, אָנדולירן. זי וויל אַפילו אין אַזאַ צייט אויסזעען יום־טובדיק, ווען זי קומט צו די קרובים פון איר מאַן, אויסערדעם איז עס איר חוב זיך דאָרט צו געזעגענען מיט די נאָענטע, וועלכע זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן, און מיט וועמען זי איז געווען פאַרבונדן פון איר פריעסטער יוגנט. פון די מענער זיינען נישט קיין סך געבליבן. גאַנצע פאַמיליעס זיינען דאָך געוואָרן פאַרש־לעפּט קיין זבאָנטשין. אַזוי אויך איר אַלטער פאָטער און אַלע ברידער, די באַווייבטע מיט זייערע קינדער, און די צוויי בחורים, דער עליע און ווילי, זייערע געשעפטן פאַרשלאָסן אָדער סעקוועסטרירט, זייערע וווינונגען פאַרזיגעלט, פאַרוואַרלאָזט, באַרויבט, געגזלט, באַעוולהט.

ערשט שפּעט נאָכמיטיק איז זי, גיטעלע, אַ ווילדע און פאַרטרויערטע מיט ווייט־אויפגעריסענע אויגן צוריקגעקומען פון עסן. אונדזער וווינונג איז כמעט שוין געווען אויסגעליידיקט פון מעבל און אַלע אַנדערע מכשירים פון אַ ציוויליזירטער באַלעבאַטישקייט. די קליינע רונדיקע און געשווינטע פרוי קרע־מער איז געוואָרן אונדזערע גאַסטגעבערין אין די לעצטע שעהן פון אונדזער אויפהאַלטן זיך אויף דייטשער ערד.

ווי שוין פריער באַטאָנט, האָט קיין ייד אין אונדזער קרייז נישט געהאַט

קיין פארטרויען צו קיין שום דייטש. זיין געמאכטע פריינטלעכקייט, זיין שמייכלען, סימפאטיע(?) האט מען אויסגעטייטשט אלס קאמופלאזש. אבער פארהאלטן האט מען זיך אזוי נאאיוו, אז דער דייטש, דער שכן אינם אייגענעם הויז, האט געגלויבט, אז מען האט יא צו אים פארטרויען. מיר האבן אין אונדזער חשד נישט צופיל מענטשן דערציילט, באזונדערש די דייטשן אינם הויז, וועלכן טאג און אין וועלכער שעה מיר פארן ארויס, כאטש אונדזער אויסוואנדערן איז געווען אי אַ לעגאלער און אי אַ געוווּנטשענער אַקט מצד נאצי־דייטשלאנד, וועלכע האט אפיציעל געוואלט ווערן „יודן־ריין". די פרוי פלעקסנער האט געוווּסט פון אונדזער אויסוואנדערונג, זי האט נאר נישט געוווּסט ווען. דאס האבן מיר געהאלטן בסוד. מיר האבן דאך געוווּסט, מיט וועמען מיר האבן צו טון. אויך האבן מיר געוווּסט, אז יעדער דייטש האט א „פאטריאטישע" פליכט צו זיין נוצלעך פאר זיין פאלק און לאנד, באזונדערש מיט מסירות און בלבולים. גראד נאך דער צייט פון די נאוועמבער־פאגראמען איז עס געווען דער גרעסטער פאטריאטישער חוב פון א דייטש אדער דייטשקע צו געפינען חטאים אדער קאנספיראטארישע „מאכינאציעס ביי יידן און קאמוניסטן. (כאטש איך ווייס נישט און קען מיר אפילו היינט דאס נישט פארשטעלן, ווו און וויאזוי מען האט אינם זיבעטן יאר פונם היטלער־רעזשים נאך געקאנט געפינען קאמוניסטן!). עפעס א קליינער חטא, א פאלש ווארט, א פאלשע זשעסטע האט געקאנט ארויסרופן א פראוואקאציע, און די נסיעה איז געווען אין געפאר. האבן מיר איר מאנטיק אוונט ביי א צופעליקן שמועס איר דערציילט, אז מארגן, דינסטיק אינדערפרי, פארן מיר ארויס פונם לאנד.

מיט גרויס־אויפגעמאכטע אויגן, וועלכע האבן אויסגעדרוקט אי דערשטוינונג אי איבערראשונג האט זי זיך געשווינט געכאפט: „אבער אזוי געשווינט! דערמיט האב איך נישט גערעכנט". האבן מיר איר אין פארזיכטיקע און אויסגערעכנטע ווערטער דערקלערט, אז צו בלייבן לענגער דא האט שוין נישט קיין שום זין, מחמת די דייטשע (דאס ווארט: דייטשע האבן מיר באזונדערש שטארק באטאנט) צאלפארוואלטונג האט דעם רעשט פון אונדזער באלעבאטישקייט איבער גענומען צום רעווידירן און טראנספארטירן. ווו צו שלאפן האבן מיר אויך נישט מער, און אונדזערע לעצטע מיטל צום לעבן זיינען נור 24 דייטשע רייכסמארק, פון וועלכע מיר קענען אריבערנעמען איבער דער גרענעץ נור צוואנציק מארק... יא, דאס איז איר געווארן קלאר. מיר האבן זיך אויסגעלערנט צו קענען אריינקוקן אין דער געדאנקן־וועלט פון אונדזערע שכנים, די דייטשן. איך האב דייטלעך געלעזן אירע בליק־געדאנקן, וועלכע האבן אינם מאמענט באהערשט איר מח: „יא, יא, מיר זיינען א טיכטיק פאלק, מיר לאזן זיך נישט אָפּנאַרן. אונדזערע באאמטע גיבן שוין אכט, אז די יידן זאלן נישט צופיל ארויסשלעפן פונם לאנד". זי האט אבער געוואלט בלייבן די גוטע שכנטע ביז צום סוף, און צוגעזאגט, אז זי וועט פרי אויפשטיין צוזאמען מיט אונדז און צוגרייטן א פרישטיק פארן אפפארן. האבן מיר איר געדאנקט, און אין לייכטן טאקט איר געזאגט, אז אזוי ווי מיר בײדע האבן פארן חתונה־



האבן געהאט אונדזערע באזונדערע ביכער, האבן מיר פעסטגעשטעלט, אז מיר האבן צוויי זאץ געזאמעלטע ביכער פון לילי בראון, און אונדזער באשלוס איז איין זאץ איר איבערצולאזן אלס מתנה. איר פנים האט זיך צעשטראלט מיט א באזונדערער פריינטלעכקייט, ווען מיר האבן איר איבערגעגעבן די פינף עלעגאנט־איינגעבונדענע בונד — די געזאמעלטע ווערק פון דער באוווּסטער סאציאליסטקע און פרויען־קעמפערין לילי בראון, דער טאכטער פון א פרייסישן גענעראל באראן פאן פרעטשמאר, און אן אייניקל פון זשעראם נאפאלעאן*. איך ווייס נישט, צי זי האט געוווּסט, אז אזוי גאנץ כשר זיינען די דאזיקע ביכער נישט געווען אין דער וועלט פונם נאצישן „טויזנט־יאריקן רייך".

אבער וויסן זאל מען אין דער וועלט, ווען אין אט דער נאכט וואלט חלילה געווען א געוויסע אקציע קעגן יידן, אן אבלאווע, אדער סתם איינע פון די נאצישע בליץ־ארטיקע אונטערנעמונגען, וואלטן מיר מיט אלע אונדזערע לעגאליזירטע פאפירן, פארמאליטעטן, פאספארטן, וויזעס, באצאלטע שטייערן, מסים און צאל פון קיינעם נישט געווארן געשיצט. קיינער פון די גוישע שכנים אינם הויז וואלט נישט געהאט קיין גוט ווארט פאר אונדז, נישט אפילו די אינטעליגענטע און מענטשלעך־נאענטע פרוי פלעקסנער. אלע וואלטן געבליבן שטום און טויב, און ווי געמושטערטע סאלדאטן, פאסיוו, אן אייגענעם ווילן, שכל, איניציאטיוו וואלטן זיי גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי מען שלעפט און פארשלעפט יידן ערגעץ־ווו אהין צו אן אומבאשטימטן גורל.

דינסטיק אינדערפרי נאך א פאר שעה שלאפן זיינען מיר מיד און נישט־אויסגעשלאפן אויפגעשטאנען. קיין סך צו רעדן איז נישט געווען. אונדזער פרישטיק האבן געהאט צוגעגרייט פרוי פלעקסנער און פרוי קרעמער. עס האט געהערשט א געמיט פון פרייד, טרויער און איבערראשונג. געוויין און געלעכטער זיינען געווען ווי א געוועב פון מענטשלעכע עמאציעס. העלענע וויינשטאק, די פרוי פון מיין פריינט אלבערט וויינשטאק, אויך שוין א פארגלותטער אין זבאנטשין, איז ארויפגעקומען צו אונדז פונם צווייטן שטאק, ווו זי האט געוווינט. עס איז געווארן באשטימט, אז די פאר מענטשן, וועלכע האבן אונדז געוואלט באגלייטן צום וואקזאל, זאלן נישט אלע גיין צוזאמען, נאר אין קליינע גרופקעס, נישט מער ווי דריי אויף אמאל.

מיר זיינען שוין אויף דער פלאטפארם פונם געלזענקירכענער וואקזאל. דער צוג גייט צום מערב, דער צווייטער טרעק צום מערב, איבער מינכן־גלאדבאק און דער רהייניש־האלענדישער גרענעץ. מיר האבן געזעען נאך אנדערע יידישע פנימער. צוליב זיכערקייט האט זיך יעדע גרופע אויסוואנדערער מיט זייערע באגלייטער געהאלטן באזונדערש.

דאס געזעגנען זיך איז געווען צוגעפאסט צו דער גאנצער שטימונג פון דער גרויסער אוואנטורע, וועלכע איז אונדז פארגעשטאנען. באזונדערש האבן געוויינט פרוי קרעמער און די קליינע לאטי, וועלכע האבן געהאט אין אונדז געפינען נאענטע פריינט. פרוי וויינשטאק אין איר גרויסער געשטאלט און גראדליניקער האלטונג האט זיך פארהאלטן אביסל רעזערווירטער. מיר האבן

איר געווינטשן זיך צו זעען און טרעפן אין לאנדאן. זאל זי זיך נאר באמיען ארויסצובאקומען אלבערטן פון זבאנטשין. מיט דער הילף פון די רייכע קרובים אין דרום־אפריקע, מיט זייערע פינאנציעלע מיטלען, קען זי א סך אויפטון. מאקסל האט אונדז אנגעזאגט, מיר זאלן אים נישט פארגעסן, און זיך פאר אים באמיען ביי דעם לאנדאנער ביורא פאר יוגנט־עליה. מיר האבן אפילו מיטגענומען א באזונדערן בריוו פונם בערלינער יוגנט־עליה־אמט, וואס האט געזאלט העלפן אלס רעפערענץ פארן לאנדאנער ביורא. מיר האבן צוגעזאגט צו טון פאר אים, וואס מיר וועלן נאר קענען. יעדער אויסוואנדערער מוז פראבירן צו העלפן די צוריק־געבליבענע. און אין ערשטער ליניע דער יוגנט.

יא, יעדער מוז העלפן! און ארויס פונם פארשאלטענעם לאנד מיט זיינע געדיכטע געהיימניספולע וועלדער, מיט די שטאלערנע, אייזערנע, בעטאָנארטיקע מאשינען־ראָבאטס, מיט זייערע מענטשן־מאַסן, מאַסן, מאסן אן קעפ אין מח. אויף זייערע פלייצעס רוען האקנקרייצער, די געקרימטע צלמים פונם נייעם דייטשלאנד, מיליאנען האקנקרייצער, צענדלינגער מיליאנען שטיוואלעס, קינזשאלן, לאנגע מעסער, מיליאנען בלוט־אונטערגעלאפענע שנאה׳דיקע אויגן.

אבער הארץ, בארואיק דיך! דיין צוג שטייט דאך גרייט פאר דיר! פאַרגעס נישט, אז א נייע לעבן הויבט זיך אן פאר דיר אויף יענער זייט. זעץ דיך שוין מיט דיין ווייבל אויף דער פריטשע פונם וואגאן! עס איז אלץ אזוי שיין און ריין און ארענטלעך, ווי אין יעדן אנדערן ציוויליזירטן לאנד... באלד וועט דיך דער צוג פירן ביז צום ים, טא זיי זשע רואיק, געלאסן, געזאמעלט, סטאטעטשנע, ווי דו וואלסט געפארן אויף א לוסטרייזע! יא, א לוסטרייזע מיט דיין יונג ווייבל. זע דיר נאר אן די אנדערע מענטשן, אלע שיין, עלעגאנט און יום־טוב׳דיק אנגעטון און אויסגעפוצט. זע נאר די שיינע וואליזקעס, די מאַדערנסטע ווייבלעכע האנט־טאשן, די עלעגאנטע היטעלעך מיט די שלשתן פונם פיינסטן טוך, די דינע זיידענע שאלעכלעך פון זשארזשעט און קרעפּדע־שין; עפען דיינע נאזלעכער און אטעם אריין אין דיר די פיינסטע פערפיומען פון די פריש־אויסגעצוואגענע יידישע ווייבלעך און פרויען; באוווּנדער די אנדולירטע האר, די „פערמס“ אויף די קעפ פון אונדזער ווייבלעכע מיטפאסאזשירן! פארגעס אויך נישט א קוק צו טון אויף די פאר מענער, וועלכע האבן געעהאט דאס גליק מיטצופארן מיטן דאזיקן צוג! אלע זיינען זיי אויפגעפוצט, ווי צום גט. ס׳איז נישט הירשענבערגס גלות־בילד אין שניי, שטורעם און זאוויערוכעס. נאך נישט! דאס איז א שטיק מאדערנער גלות פון די דרייסיקער יארן פונם צוואנציקסטן יארהונדערט, מיט באגאזש, וואליזקעס און קינסטלעך־אויפגעמאכטער עלעגאנץ, און פאר וועלכער מען האט באצאלט כפל כפלים, איידער מען האט פארלאזט דאס לאנד.

---

• זשעראם באנאפארט, קעניג פון וועסט־פאלן אין דער צייט פון נאפאלעאנס הערשאפט.





# אויף חרובע וועגן

(סוף פון ערשטן טייל)

זער אפט האט זיך די נשמה ביי דינה ריינעס, פאנאנדערגעלאכט ווי ביי א לץ, מיט אלע פארגעניגענס, סתירות, שטרעבונגען און שטרויכלונגען פון אן אויפגעלעבטער יוגענדליכע נשמה, טיילמאל האט זי צו זיך געשמייכעלט, שטיל, געלאסן, בנעימותדיק, מיט א האלב מילדן פרויאיש רייצנדן שמייכל אויף די טרוקענע פון פרימארגן — ווינד עטוואס אעשפאלטענע — שיינע ליפעלאך.

א פארעלטערטע ערב־אסיענדיקע זון, האט זיך פלאמפיירדיק גערוקט לאנגזאם פאראויס צווישן רויטע וואלקענס ווי ווילדע רויטע רויזן, דער פרימארגן האט זיך אויפרישנד פארבענקט געיורן אויפן מערב, איבער די פעלדישע שמאלינקע וועגן, האבן זיך געפאליעט באקוועקזילבערדיקע גראזן און מארגעריטקעלאך, פון דעם פרימארגנדיקן פרישן טוי, דער קילער װאלד האט פונדערווייטנט געסאפעט מיט א טרויעריג פארבענקטן פרימארגן רוישן, דינה האט מיט אירע פארטרויערטע ניט אויסגעשלאפענע אויגן געקוקט אויף די פעלדישע ווייטקייטן וואס וויגט זיך אין פארשלאפענעם העט ווייטן נעפל, א שטילער אומעט האט זיך געשפרייט איבער די ניט ווייטע פעלדער ארום איר, אפט האט עס איר א קיצל געטון ערגעץ אינעווייניק און זי האט זיך אנטציקט מיט פארוואונדערונג פון גאטס שיינער וועלט, דינה האט זיך באלד דערנעטערט צום חמיעלניקער בעריאזע־װעלדל ווו אין גרינליכן האלב־חושך שלאגן אָפּ די בלאנקע שטאמען, אויבן גרייזלען זיך די בלעטער, אונטן זויגט די לופט די שמעקנדיקע גראזן, ביי די ראנדן פון דעם וועלדל איז א זשומענדע צארטע שטילקייט, די פעלדער און די פארנעפלדיקע ווייטקייט דרימלעט אין זיסער מאטקייט. זיי האט מיידלעריש איידל פארבויגן איר קאפ פיטשינקע רייצנדע טריטלאך איז זי געגאנגען איבער די געקאשיעטע שמעקנדיקע נאסטויאיגע פעלדער און ביי זיך געשטראכט: גאט האט באשאפן אט די שיינע וועלט, כדי אנצוזעטיגן זיין בייזקייט מיט מענשליכע ליידן... יא, גרויס זענען די ליידן ביי אסך מענשן און קיינער ווייסט ניט ווער סע ליידט מער... אסך מענשן ליידן, ווייל זיי ווייסן ניט צו לערנען פון אייגענעם אומגליק, אזא מענש האט דעם אומגליק כשר פארדינט... אסך ליידן ווייל זיי האָבן חרטה אויף דעם ביסעלע גוטס וואס זיי טוען אמאל... יונגע מיידלאך ליידן מערסטנס פון ליבע, ווייל זיי פארשטייען ניט אז אן ליבע איז ניט דא קיין שלום, ליבע זאגט אינזיך, מוחל צוזיין, אבער סע זאגט ניט אז מע דארף טאלערירן דאס שלעכטע, וואס איז ניט שוה בשוה מיט די מענשן... יעדער מענש האט א באדייטונג, מיט ליבע צו אן ליבע, ווייל ער טראגט אינזיך אן אייגענע וועלט, א פארשידענע פונדער אינערליכע וועלט פונדעם אאנדערן מענשן, אסך מענשן אבער, דערשלאגענע פון לעבן, האבן ניט די מעגליכקייט זייער אינדיווידואליטעט צו אנטוויקלען און אט אויפצוהויבן דאס אינדיווידועלע באוווסט־

זיין, אפשר בין איך איינע פון די מענשן? ווען כ׳קען חאטש א ביסעלע אויפהויבן מיין באוווסטזיין, וואלט אנדערש געווען מיין לעבנס־פרייד און ביטערער גורל... נו, וואלט אפשר געהויזט אפוסטקייט אין מיין הארצן... יא, אן ליבע איז ניט דא קיין שלום... כמוז ליב האבן... אפשר פעלט מיר זעלבסט באהערשונג און דאס פפליכט געפיל?... לעבנס־פרייד קען יעדער מענש האבן, מע דארף קעמפן פאר לעבנס־פרייד דאס קומט ניט צום מענש פון אינעווייניק, מע דארף אים טראגן אינזיך, אויב מע טראגט ניט אינזיך, דארף מע דעם לעבנס־פרייד כסדר וועקן, אבער ווי קען מע דאס אלעם טוען אן א ביסעלע ליבע, כ׳וויל ליב האבן און כ׳מוז ליב האבן... סע האט אין איר א בליץ געטון א געדאנק: אוי, אפשר הערט חיל, וואס איך טראכט?...

דינה האט זיך אפגעשטעלט און זיך צוגעהערט צום מעלאנכאלישן שורצן פון טייכל ביים וואלדישן ראנד, די זון האט פארלוירן די רויטקייט און א העלע ליכטיקייט האט זיך געשפרייט ארום, פארשוווגדן זענען די פארנעפלדיקע ווייטקייטן, פון דער ווייט האט מע געהערט אן עכא פון א קוקו געזאנג, דארפס העגער האבן געקרייט, קי און פערדן מיסט, האט זיך אויסגעמישט מיטן פעלדישן ריח, פייגל האבן געשווישטשעט און זיך געפרייד מיטן זוניקן טאג, נאר זי דינה האט זיך געפילט אנדערש פון אלץ און אלעמען ארום.

זי איז צוגעגאנגען צום טייכל כדי אנצושעפן א פולע דלאניע מיטן קאלטן וואסער און אויפרישן איר מאט פנים, איר האלדז, דעם שטערן, ווען זי האט זיך איינגעבויגן צום וואסער, האבן זיך אירע הארטע אונשולדיקע צארטע מיידלירישע בריסטלאך אווארף געטון פון דער זיידענער בלוזקע און אין טונקעלען שטילן וואסער האבן זיי זיך געשפיגעלט וויגענדיק, ווי צוויי פארגעסענע איבערבליבן־צייטיקע פול־זאפטיקע וויים־נעפלדיקע וויינטרויבן, וואס באהאלטן זיך אין שאטן פון די געל צייטיקע אסיען־בלעטער, דאס האט איר א ריץ געטון ערגעץ טיף אינעווייניק און גלייכצייטיק דערשראקן גוט ארייננעקוקט אין וואסער־שפיגל און דערביי זיך געטראכט: אפשר גאר איז דאס די דינה אין וואסער, וואס ליבט חילן?... אוי, גאט, פארוואס איז אין מענש דא אזויפיל מענשן?... גייט מע אין שאטן, שלעפט זיך אנאך נאך א מענש... דאס זעלבע אין וואסער, אזוי אין שפיגל, וויפל מענשן זענען ערשט דא אינזיך, זיי זענען פיטשינקע, מע זעט זיי קיינמאל ניט... איז מע אויף צרות, ליידט מע פאר די אלע, האט מע אמאל פריידיקע מינוטן, מע האט געלד, שיינקייט, געזונט, גליק, קומט פלוצלונג איינער פון אט די מענשעלאך און צושטערט אלעס, סע ציט אים צו עפעס אנדערש, אן אנדער מענשעלע אינזיך פארגינט ניט די פרייד ארום זיך און סע שאפט זיך א כאאס... זי האט שנעל אכאפ געטון א פולע האנד מיטן קאלטן וואסער, זיך באשווענקט דאס פנים, אירע ליפן האבן געלעקט מיט מיידלירישן חן די טייכישע קילקייט. אירע באחנטע שיינינקע רייצנדע נאז־לעפעלעך, האבן איידל און צארט ארייננעאטעמט דעם שליימיקן ווילדן וואלד־גראזיקן וואסער ריח, סע איז איר געווארן לייכטער אויפן מח און א אויפברויזענדע פרייד האט אזש



געפליגעלט אין איר הארץ און סע האט איר געצויגן צו די היים און צו מענשן.

ווען דינה איז צוגעקומען נענטער צום דארף האט זי דערזען פונדער ווייטנס ריזיקע פייער צונגען אויסגעמישט מיט רויך, זי האט האסטיק געאיילט און געשניטן דעם וועג דורך באמיסטעטע אויפגעאקערטע פעלדער, אויסגעמיטן די געדיכטע הייליקע־קרייץ־וועלדער, זי האט דערפילט דעם שרפה ריח, א שרעק געפיל האט איר געמאכט שוידערן דעם גוף, זי איז געלאפן ווי מיט פיר פיס און ניט געפילט קיין מידקייט, באלד האט זי דערהערט ווי אונטער איר גאלאפירט ווער אויף א פערד, זי האט דערקענט שמוליקן, שמוליק איז אנגעקומען אקעגן איר פנים און א צעיאכמעטער צו איר געזאגט: ווו ביסטו ערגעץ דינהטשע? לויף אהיים שנעל, סע ברענט שעפסל מילנערס מיל, שגצים האבן דאס נעכטן געלעכערט דאס שיפל מיט וועלכן דו ביסט געשווומען איבער די אזערע, זיי האבן אויסגעהאקט די שויבן ביי יוסל שרייבער, דיין שלאפשטיבל איז פיל מיט שטיינער... די מאמעשי וויינט... גיי שנעל, פארן הויז שטייט די בריטשקע, וועסט אוועקפארן קיין קעלץ צום ווארשעווער צוג, גיי שנעל...

ווען דינה איז אנגעקומען אין דארף אריין זענען איר אקעגן געקומען אלע יידישע דארפישע מיידלאך, זייערע קעפ זענען געווען באדעקט מיט לייכטע טונקעלע זומער שאלן, א פארבארגענער טרויער האט ארויסגעקוקט פון זייערע אויגן, זיי זענען געווען גענוג קלוג צו פארשטעלן דעם טרויער מיט אדינעם שמייכל אויף זייערע שיינע ליפן, פעסעלע האט זיך געשארט ארום דינהען און כסדר געשעפטשעט: אוי, דינהלע, סע איז ניט גוט... מע האקט ביי אלע יידן די שייבן, מע האט אונטערגעצינדן שעפסלס מיל, דינהעלע קרוין נעם מיך מיט... כ׳וויל אנטלויפן פון דאנען... אנדערע מיידלאך האבן שטיל און סודותדיק צווישן זיך גערעדט: איך פאר באלד קיין המיעלניק צו מיין מומע רייזל... אן אנדער מיידל האט געוואלט אז דינה זאל זי מיטנעמען ביז קעלץ, פעסעלע האט געבעטן דינהען אז זי וויל בלויז פארן מיט דינהען ביז פיערזשניצע, כמעט אלע האבן מורא געהאט צו פארבלייבן אין דארף איבער נאכט, עפעס אזא פלוצלונגע ענדערונג וואס מע האט זיך גארניט געריכט אויף דעם, ארום די שטעטלאך איז געווען שטיל, נאר איבער אלע דערפער אוו סע האבן געוווינט יידן, האבן אויסגעבראכן פאגראמען און יידן זענען אנטלאפן פון דארט אין משך פון איין טאג, אזוי איז געווען אין דארף צעלין, אין דעם זעלבן טאג וואס דינה איז אפגעפארן קיין לאנדאן האט פארלאזט דאס דארף צעלין מיטן האב און גוטס, ר׳ חיים ריינעס מיט זיין משפחה, זיי זענען אוועק קיין חמיעלניק, געוווינט דארט אין א האלצערנע הייזקע אויפן פינטשעווער וועג, א שטילער אומעט האט געוויעט פון אט די הייזקע אוו סע האט געוווינט דער גוט־באזיצער און למדן מיטן הדרת פנים, ר׳ חיים ריינעס, מע האט געהערט א שמילן מעלאנכאלישן ניגון פון אט די הייזקע „איכה ישבה בדד העיר״... א בעהאלטענע תשעה־באב־שטימונג האט ארומגענומען די שטעטלדיגע יידן, מיט מורא און חשד האט מע געקוקט אויף אלץ און אלעמען, מע האט גוט געוווסט

וועד סע בונטעוועט קעגן די יידן, א ניט זיכערקייט געפיל האט אלעמען באהערשט און אלע האבן זיך אנגעהויבן פילן ווי ברודער פון איין טאטן.

א קאראוואן פון פורלאך האט זיך געצויגן פאוואליע איבער די דארפישע וועגן, דאס זענען געפארן אלע דארפישע יידן פון צעלין צו די נאנטסטע שטעטלאך ארום די שיינע געדיכטע העט ווייטע וועלדער, צווישן די ערשטע פון דעם קאראוואן איז געפארן דינה מיט פעסעלען, אויף א פריש געמאלענע בריטשקע וואס האט געשמעקט מיט פרישע פארב און געקארצט טרויריג האבן די ריסארן פון די בריטשקע און די קאשטאן רויטע פערד האבן געשוויצט מיט א רויכנדיקע פארע, ווי זיי וואלטן געוווסט אז זיי פירן אוועק דינהען שוין דאס לעצטע מאל פון דארף און זיי טוט זער באנק וואס דאס שיינע יידישע מיידל פון יידישן פריץ, וועט שוין מער ניט רייטן אויף זיי.

ווען דינה איז אדורכגעפארן דאס וואלדישע טייכל, זענען איר טרערן געקומען איבער די בעקלאך, ערשט היינט פארטאגס האט זי דא געוואנדערט איינע אליין, דא געטרוימט, פילאסאפירט וועגן ליבע, לעבן, מענשן, יעצט זעט זי איין אז יחיאל איז א חכם, ער האט שוין לאנג געזאגט אז מע גייט אויף חרובע וועגן... סע האט זיך איר געדאכטן, אז דאס טראגישע איז גאר דאס שיינע, נאך אסך ישוב הדעת האט זי זיך מישב געווען און אנגעהויבן האסן די שיינע פעלדער מיט די וועלדער און טייכן, עפעס האט א קלעם געטון איר הארץ און א ציק געטון איר נשמה און בליץ־שנעל האט זי פארגעסן אין דער פארגאנגענהייט, מיט אלע קלייניקייטן, סע האט איר ניט געארט וואס איר טאטע מאמע און די גאנצע משפחה, מוזן פארלאזן דאס דארף, פארקויפן צו די פוירעם פאר א שיבוש די פעלדער, לאנקעס, וועלדער, טייכן, דעם אינווענטאר, זי האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו פעסעלען און שטיל אזאג געטון: זעסט פעסעלע ווי מיר יידן זענען א הפקר פאלק... אין איין טאג האט מע אונדז אלץ צוגענומען... מע מוז פונדער היים אנטלויפן... און וואס מיינסט דו פעסעלע אז דארט ווי איך פאר, איז אזא זיכער? אוי פעסעלע, פעסלע... זיי מיך גארניט מקנא... פעסעלע האט טיף אפגעעטעמט און מיט א וויינענדיקן קול געזאגט: דער טאטעשי האט שטענדיק געזאגט, סע איז משיחס צייטן און מע איז פארמשפט אונטערצוגיין...

ווען די בריטשקע מיט דינהען און פעסלען זענען אנגעקומען קיין פיערזשניצע, האבן זיי זיך אפגעשטעלט אינמיטן מארק, פעסעלע איז אראפגעגאנגען פון דער בריטשקע מיט פארוויינטע אויגן און אראפגעלאזטן קאפ, באלד איז געקומען צולויפן מלכה שאפירא און חנהטשע אייזנער, אינמיטן די צוויי מיידלאך איז געווען משהלע בעסער, מיט שטילשווייגן און טרויריקע פנימער האבן זיי באגעגנט דינהען, חנהטשע האט נאר זיך אונגערנוויליק ארויסגעריסן מיט אייןווארט: דינה, וואס איז געשען?... דינה האט איר שטיל געענטפערט: גארניט... מלכה האט כסדר געקוקט אויף דינהעס פארוויינט פנים און שטיל געפרעגט: דינהטשע, ווו איז שמוליק?... דינה האט זי דערשראקן אנגעקוקט און קורץ געענטפערט: ער איז מיט די טאטע מאמע אין חמיעלניק... נאכ־



דעם האט זי זין האסטיק צוריק ארויפגעזעצט אויף די בריטשקע און פון געזעס האט זי זיך געזעגנט מיט אלעמען, מיט פעסעלען האט זי זיך געזעגענט מיט א ניט קאנטראלירט געוויין און די בריטשקע איז אוועק צום קעלצער שאסיי, זיי אלע האבן מיט פארבויגענע קעפ אין שטילשווייגן מיט זייערע אויגן באגלייט דינה ריינעס וואס איז אוועק אויף אייביק קיין לאנדאן.

## יעווגעני יעווטושענא

## באבי יאר *

נישטאָ קיין דענקמעלער איבערן באַבי יאר —
דער בארג־אראפ אין דער טיפעניש איז די איינציקע מצבה.
כ׳האב מורא.
היינט בין איך אזוי אלט אין יאָרן ווי דאס יידישע פאָלק.
עס דאכט זיך מיר איצטער איך בין א ייד.
און נאָר־וואָס צוגענעגלט צום קרייץ, איך שטארב און ביזן היינטיקן
טאָג איך טראָג די צייכנס פון די נעגל.
עס דאכט זיך מיר איך בין דרייפוס.
דאס געערטע בירגערטום באשולדיקט און משפט מיך,
איך בין הינטער די תפיסה־קראטן.
איך בין געיאָגט, געכאפט, באשפיגן, באליידיקט!
און גוטע דאמען און שאַרכנדיקע קאַראַנקאַווע קליידער
שרייען, שטופן פאַראַסאָלקעס און מיין פנים אריין.
עס דאכט זיך מיר איך בין א יינגל אין ביאליסטאָק,
בלוט רינט און שפרייט זיך איבערן דיל.
עס פילט זיך דער ריח פון ציבעלעס און בראָנפן.
די הויפט־באלייכטונג אין סאלאָן־באַר געשטורעמט.
אוועקגעקאָפעט מיט א שטיוול, בין איך הילפלאָז:
אומזיסט בעט איך רחמים די פאָגראָמשטשיקעס,
אונטער געשרייען: „שלאָג יידן — באפריי רוסלאנד“
א קליינהענדלער באפאלט מיין מוטער.
אָ מיין רוסיש פאָלק!

---

* באבי יאר איז דאס אָרט הינטער קיעוו, ווו די דייטשן האבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעברענגט די יידן פון אוקראינע.
די פּאָעמע האָט געשאפן א רוסישער פּאָעט, געווען פארעפנטלעכט אין „ליטעראטורנאיא גאזעטא“ און ארויסגערופן קריטיק מצד סאוועטישע אנטיסעמיטן. דער „גוארדיאן“ פון 29 סטן סעפט. האט ד׳ איבערגעגעבן אויף ענגליש. דער איבערזעצער פון רוסיש: מאַקס הייווארד.

מ.א.

איך ווייס דו ביסט אויף אן אמת אינטערנאציאָנאל.
אבער די, מיט די שמוציקע הענט,
האָבן אָפּט, בקול, דיין ריינעם נאמען מיסגעברויכט.
איך ווייס ווי גוט מיין געבוירן־לאנד איז
און ווי פארשלייערט, אָן א ציטער אין זייערע אָדערן
די אנטיסעמיטן האבן זיך באַמבאַסטיש אנגערופן
„דער פארבאנד פון רוסישן פאלק!״
עס דאכט זיך מיר איך בין אננא פראנק,
איידל ווי א צווייגל אין אפריל.
און איך בין פול מיט ליבע
און נייטיק זיך נישט אין פוסטע פראזעס.
איך וויל מיר זאלן קוקן איינער אויפן אנדערן
ווי ווייניק מיר קענען זען און דערפילן
— נישט נאר די בלעטער אוןביימער, נאר — דעם הימל.
אבער מיר קענען פיל טון.
מיר קענען צערטלעך אומארעמען אין א פינצטערן צימער.
קומט עמעצער ? שרעק זיך נישט —
דאס איז דער שאָרך פון פרילינג אליין,
קום צו מיר, גיב מיר דיינע ליפּן.
עמעץ ברעכט אויף די טיר ?
— ניין, עס איז דאס פלאצן פון אייז...
ווילדע גראָזן שאָרכן איבער באָבי — יאר
די ביימער קוקן אראפּ ערנסט ווי ריכטער.
אלץ רופט דא ארויס א שטילן ציטער
און איך זעלבסט, אויסטוענדיק מיין הוט
פיל, ווי איך ווער גרייז־גראָ.
און איך אליין בין גארנישט מער ווי א שטיל געשריי
איבער טויזנטער און טויזנטער
באגראבענע אויף דעם פלאץ.
איך בין יעדער אלטער מאן וואס איז דערשאסן געווארן דא.
איך בין יעדעס ייִנגל וואס איז דערשאסן געווארן דא.
קיין שום אבר אין מיר וועט דאס אלץ נישט פארגעסן.
זאָל קלינגען דער אינטערנאציאָנאל
ווען דער לעצטער אנטיסעמיט וועט באגראבן ווערן.
עס פליסט נישט קיין יידיש בלוט אין מיינע אָדערן,
נאר איך בין געהאסט ביי די אנטיסעמיטן ווי א ייד,
און צוליב דעם טאקע
בין איך אן אמתער רוס!

פון ענגליש **מ. אלמאן**



## שמואל וואהייט

### יאוש

אין שעהן פון תפילה
וואָג איך ניט צו בעטן,
פול איז לעבענס בעכער
מיט יסורים אין פּיינען,
קאָן איך בלויז מיט שלוכצן
אזא לעבען באוויינען.

מיט א קעל פארטריקענט
און ליפּען פארשמאַכטע
שטיי איך א הילפלאזער,
אז לער איז דער הימעלרוים
זע איך מיט פארצווייפלונג
אַ מוראדיקן תהום.

אין שעה׳ן פון תפילה
האב איך מער ניט צו בעטען,
ווייל אין יאוש זע איך
מיינע וועלטן ציטרעטען.

## א. נ. שטענצל

### אריבער איבער דער בריק

טשעלאדזש איז נישט א יידיש שטעטל ארויסגעוואקסן צווישן ווייטע פעלדער און טיפע וועלדער מיט א שול פון האלץ און א שטרויענעם דאך, וואס ציגן קריכן אויף אים, די הייזלעך אַרום ווי שוואַמען אַרויסגעוואַקסן נאָך א רעגן און אויפן מארק דרייען זיך לײדיק־גייעריש פארהאַוועטע סוחרימלעך ארום מיט פארקנייטשטע שטערנס און פארזשמורעטע אויגן אונטער פארשארצטע היטלעך און קייען שטרויען צווישן די ציינער און אלץ ציט מיט אזא רואיקן, דורותדיקן גאנג; ביים טיש לערנט דער רב בין מנחה למעריב עין־יעקב מיטן פראסטן עולם און הינטערן אויוון הערט מען זיך אן פון דער גרויסער וועלט: „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת״; די שטוב גייט איבער פון טאטן צום קינד און דעם רב׳ס ספאדיקל צו א זון אדער אן איידעם, לאחר מאה ועשרים שנה.

אין טשעלאדזש איז דער עולם אן אנגעלאפענער, דער יידישער ווי, להבדיל, דער גויאישער; בעסער נאך, ער האלט נאך אין אנלויפן; די פארערעמטע כלאפּעס פון די דערפער ארום געפינען דא ארבעט אין די „הוטעס״ און די יידן פון די שכנישע שטעטלעך און „זעקל־יידן״ פון „מלך אביונס גיטער״ מאכן דא א נישקשהדיק לעבן.

די אייניקלעך פון די אמאליקע צעך־שטאלצע „טשעלאדניקעס״, — וואס פון דעם שטאמט, מסתמא, דער נאמען טשעלאדזש! — די געבליבענע שלאנזאקעס, די לייב־קנעכט פון די „ארדן און טעמפל־ברידער״, געבליבענע דא נאך דעם ווי זייערע הארן זיינען באזיגט און פאריאגט געווארן, פארמישן זיך שווער מיט די היימישע פאראבקעס און אביוואטעלעס. זיי ארבעטן ביי זייערע רימער־און־זאטל מלאכות און האַלטן זיך ביי זייערע דייטשע נעמען.

און די יידן, ווידער, צונויפגעלאפענע דא פון פארשידענע מקומות, האלטן זיך צוזאם, ווי א צעלעכצט פאס צונויפגעשטעלט פון פארשידענע קלעפקעס.

ארום אלטן מורה־הוראה האבן זיך געהאלטן די יידן פון דער פשעדמיעשטשע, די בעלי־מלאכות, די מוליכער. דעם נייעם רינגלען ארום די סוחרים און לומדים — דער מארק.

ווי ווייט איז דען בענדין פון טשעלאַדזש? א תחום שבת! ריסארקעס גייען שוין אהין און צוריק. גיט מען מיט א שאלה צו פרעגן, פארט מען אריין צו א דין־תורה. אייגנטלעך האלט די זיך ערשט בויענדיקע קהלה מער צוזאם די מחלוקות ווי דער רבנות־שטעל. די אינטערעסן פון דעם נייעם מורה־הוראה זיינען נישט זייערע; זיי זיינען, בכלל, נישט פון דעם עולם: עס בויט זיך, ברוך השם, א פרנסהדיק שטעטל, בחורים זאלן האבן „טעג", כדי זיי זאלן קענען זיצן און לערנען בהרחבת הדעת.

ביי אים אין שטוב פיר ווענט ארום מיט הויכע ספרים־שרענק, א לאנגער טיש באזעצט מיט בחורים. וואס ווייסט ער פון עולם־הגשמיות? אבער טשעלאדזש איז נישט אמסטעוו, נישט קליביצק, נישט סאכאטשעוו, וואו, אז דער רב לערנט דעם שיעור זינגען מיט די געסלעך פון גאנצן שטעטל. טשעלאדזש איז א מייל די גרויס, צעווארפן בארג־ארויף, בארג־אראפ, א „שטיבל" דא, א מנין דארט, א קדושה, א ברכו — אן אסיפה האלט זיי צוזאם: מ'רייסט זיך, מ'קריגט זיך, ס'האלט ביי פעטש! מ'פילט, אז ס'איז יד־אחת, אז מ'האט א שייכות איינער צום אנדערן.

מחלוקות, קריגערייען איז נישט ווייל דער צד זעט טאקע דורכאויס איין, אז ס'מוז זיין אזוי און רק אזוי איז גוט, און דער צד שכנגד האלט, אז אומגעקערט איז בעסער! מחלוקות איז א מין קלעפיקע קראנקהייט, וואס ליגט אין בלוט, א גריזאטע, א פארקראמפטע איינגעשפארטקייט — אן עקשנות! א „דווקא"־מיקראב!! עס בויערט אין קאפ א ווירוס, ווי א טובערקל אין די לונגען. אז מ'האט אין קערפער דעם קלעפיקן באציל, געפינט זיך שוין דער עפעס. פונקט ווי ווען מ'האט אין זיך דעם „טי־בי"־מיקראב מוז ער נישט דווקא ליגן אין די לונגען — ער באווייזט זיך שוין וואו! אז מ'האט אין זיך דעם „דווקא"־ווירוס, קומט דער עקשן שוין „קאפויער". אזוי מחלוקות צווישן מאן און ווייב, צווישן לייבלעכע ברידער, אין דער אייגענער פארטיי, אין א קהלה אין א שטעטל, מלחמות צווישן נאנטע לענדער און ברידערלעכע פעלקער.

דער „אלטער מורה־הוראה" איז געווען אן אנגעווייטיקער ייד, וואס האט געוואלט זיצן איבער א ספר — א תלמיד־חכם שמחל על כבודו! און ווען דער בענדינער רב, ר' ישכר בעריש גרויבארד, דער רב הגליל זאגלעמביע, האט אים צוגעפסקנט די פאר הונדערט קערבלעך פאר די שני חזקה, האט ער אויפגעפרישט די פאליצעס אין זיין געוועלבל הינטן ווייט אויף דער פשעדמיעשטשע און זיך געזעסן הינטער דער טאשעוואניע איבער זיין ספר, אינם נייעם סאמעטענעם הוט, וואס מיט דעם אפטרעט־געלט האט ער זיך שוין דערלויבט איינעם צו קויפן. טשעלאדזש איז גרויס, און אויף דעם וועכנטלעכן וועג קיין בענדין איינצוקויפן האט ער זיך אויך נישט מער באוויזן,



ווייל די סחורה אויף די פאליצעס האט שוין געסטאיעט אויף יארן. ער איז געווען א נחבא אל הכלים — געזעסן אונטער דער טאשעוואַניע און געלערנט! און ווען ער האט זיך באוויזן שבת אין בית־המדרש האט דער יינגער מורה־הוראה אים ארויסגעוויזן דעם געהעריקן כבוד, און אַלץ איז געגאַנגען כשורה.

אבער ווען די ידיעה, אז דער סאכאטשעווער רבי איז חולה־מסוכנדיק קראנק האט דערגרייכט דעם פארווארפענעם טשעלאדזש, דעם עקסטן מקום ביי דער פרייסישער גרענעץ; אנגעקומען איז זי, די שרעקלעכע ידיעה, כלחוך השור, מיט דער ערשטער ריסארקע ביים לעצטן געוועלבל אויף דער פשעדמיעשטשע, וואו די בענדינער „מוליכער" שטייגן אפ צוצוגיין צו דער „קאמער". ר'בעריש, דער „אלטער מורה־הוראה", דערהערנדיק די בייזע נייעס, איז תיכף־ומיד געלאפן אין בית־מדרש אריין אויפצוקלעבן א קול־קורא „בפקודת המו"ץ הזקן" צו פאסטן און זאגן תהלים פארן געזונט פון גדול הדור. און ווען דער יינגער מורה־הוראה, וואס האט אלע טאג געדאווענט מיט השכמה האט געזען דאס אויפגעקלעבטע קוויטל אויף דער טיר פון בית־המדרש, האט ער געהייסן לייענען „ויחל" און אנשטאט צו גיין צום מארגן־שיעור געזאגט תהלים מיט די מתפללים.

ער, דער יושב־אוהל און איש־תם, האט אפילו נישט מהרהר געווען וואס מ'האט אים, דעם איצטיקן אָפיציעלן מרא־דאתרא נישט פריער מודיע געווען און אן זיין וויסן גוזר תענית געווען —

דער אלטער מורה־הוראה, דער נחבא אל הכלים, איז מסתם אזוי אויפגעציטערט געווארן, דערהערנדיק די ידיעה, אז ער איז ארויס פון די כלים און נישט, חלילה־וחס, אז א „נכפה" וואס טשאטעט אין איינעם ווי א טאטשענדיקער ווארעם האט געזוכט א שעת־הכושר ארויסצוקריכן פון באהעלטעניש... חס וחלילה!

אז אזא חשד האט גארנישט געקאנט קומען אויפן געדאנק, פון דעם אין לערנען יומם ולילה ארייננגעטועטעם מוח פון דעם פרום־תמימותדיקן יינגנמאן, דאס קאן מען פשוט זען פון די קורצע חשבון־הנפש נאטיצן, וואס ער האט ארייגעשריבן אין זיין „פנקס לוח יומי",* וואס ער האט געפירט זינט זיין חתונה אן:

„ביום ה', ח' אדר, התענתי כי המו"ץ הזקן קבע קוויטל בביהמ"ד להתענות על מחלת אדמו"ר מ'סאכאטשעוו שליט"א והתעניתי עד לערך שעה בלילה יותר כי לא רציתי לבטל הבחורים מן השיעורים"*.

פון די שורות איז בפירוש צו זען, אז ער האט קיין שמץ פון הקפדה נישט געהאט, ווארום אויב יא, וואלט ער עס געווען דעמאלט פארצייכנט און צום סוף צוגעשריבן דעם „השי"ת יכפר בעדי", דעם באגלייטזאץ צו יעדער

* דעם „פנקס לוח יומי" האָבן זיינע קינדער געפינען נאָך זיין פטירה, פאַרשלאָסן אין אַ פאַרבאַרגן שיפלאַד, און טיילן דערפון אָפגעדרוקט אין זיין ספר „קוהלת שלמה".

מינדעסטער זינד, וואס ער טראכט, אז ער איז, חלילה, באגאנגען אדער א שמץ פון א הרהור עבירה צו גאט און צו לייט.

אין דעם פאל איז עס געווען דער חטא, וואס ער האט נישט אויסגעצויגן דעם תענית לענגער נאך ווי א שעה אין דער נאכט אריין און ווייטער מתפלל געווען פארן געזונט פונם גדול הדור. דאס זעט אויס בפירוש אין דעם טעם, וואס ער גיט צו: „לא רציתי לבטל הבחורים מן השיעורים".

פון דער נאטיץ איז בכלל נישט צו דרינגען, אז ס'איז, חלילה, געווען א בייזקייט אדער א וועלכע נישט איז מחלוקה צווישן אלטן און נייעם מורה־הוראה. פארקערט! אבער פון א ווייטערער נאטיץ קאן מען בפירוש שוין זען, אן אומצופרידנקייט מכוח דעם צו קליינעם געהאלט אדער צו גרויסן, זיינען שוין אנגעגאנגען. און נאך אן אסיפה, וואס דער בענדינער רב האט צוזאמענגערופן, שרייבט זיך אין דעם „פנקס לוח יומי": „ור' יעקב ליבוש כ"ץ שהיה מראשי המתלוננים עלי בש"ק לעת הערב נפל בנו מן ההר ושבר תלעותיו, השי"ת ישלח לו רפואה שלימה ולכל חולי עמו ישראל וישם שלום על כל ישראל".*

פון דער נאטיץ איז שוין צו זען, אז מחלוקות זיינען שוין געווען און אפילו צדדים — „מראשי המתלוננים! — אבער דער יינגערמאן, וואס איז א מאמין אין מינדסטן מאמר חז"ל, אז, חלילה, „פגעים פוגעים", אז דער עונש פאר מבזה זיין כבוד התורה איז גרויס; אין דעם פאל, איז ער גראד דער אויסדערוויילטער מרא־דאתרא — ציטערט ער, נעבעך, אז ס'זאל די „מתלוננים" קיין בייז, חלילה, נישט געשען, ווי פריער א וואך אין זיינס א נאטיץ מכוח חיים־זלאטעס א קינד: „ואמרתי לו הרי כבר אמרתי לך שאסור ולא ענה לי והתפלל וביום שלאחריו מת הילד שלו פתאום".*

דער ווייטערדיקער נאטיץ איצט איז טאקע דערפאר אונז אזוי טיף נוגע! און אויך דערפאר ווייל דאס ווערעמדיקע פון דער מחלוקה קריכט שוין גאנץ ארויס, ווי דער ווארעם וואס באווייזט זיך פון א רויטן עפל.

די דאזיקע נאטיץ איז געשריבן איבער יענעם מאנעלע, וואס האט מיך אפגעראטעוועט, אז איך זאל נישט געפרוירן ווערן אהיימגייענדיק פון דער פריסוסטווע אין ווילדן שניי־שטורעם. יענער מאנעלע פון דער זודע־וואסער פאבריק, דער שותף פון ר' הענעך'ן דעם גבאי־שני פון גערער שטיבל, אים האבן דאס די גערער חסידים אפנים ארויסגעשטעלט צו פעלשן א שאלה, כדי די מחלוקה זאל זיך צעוואקסן אין ריכטיקן ברען: „ואנכי שלחתי אליו שיסע עמי לבענדין אודות זה ואם לא, לא אמחול לו ולא רצה ליסע. אבל באמת הנני מוחל לכל מי שיצעריני אבל יהודי ואין כוונתי לרע רק שמורה היתר לעצמו או שלפי דעתו ראוי שיצערני". *

די מחלוקות האבן שוין, אפנים, געטליעט א צייט אין גערער שטיבל מיט יצחק בריל און הענעך'ן בראש, עפעס מכוח א יינגנמאן א גערער חסיד אויפצונעמען פאר א צווייטן שוחט. זיי מיינען נישט, חלילה, דעם נייעם מורה־הוראה, דעם למדן און ירא־שמים, חלילה־וחס, כאטש זיי האבן געוואוסט, אז



זיין הכנסה איז פון דער שחיטה — „גער גייט דיפלאמאטיש"! האט זיך ביים טאטן ארויסגעכאפט, שוין מער ווי האלב הלצהדיק . . . און אפילו אין בית־המדרש, וואו דער גבאי מיטן אונטערגעשווירענעם בערדל האט געפירט די מלוכה און איז געווען גאנץ אויפן נייעם מורה־הוראה'ס צד, האט זיך אבער פיעראן מיט זיין שותף חיים־זלאטע געהאלטן אין איין סודען: „דא פיערוניע" האט ער געהאלטן אין איין זאגן און דער אנדערער אין איין שיבערן זיך מיט גרויס הנאה —

א געפירטע מחלוקה גראבט און בויערט, פירט אלץ ווייטער און ווייטער דער שפאלט ווערט אלץ טיפער און טיפער ווי אין א קוילן־שאכט. מ'ברויך נאר דאס ביסעלע דינאמיט אריינצושיטן. מ'צינדט אן דאס שנירעלע פון דער ווייטנס און עס שיסט אויס, טיילמאל רייסט עס צומאל אונטער די סטעמפעס און א גאנצע מינע פאלט איין.

— וואס לערנט ער דרינען אזויפיל? אפנים ער קען נאך נישט... געהערט געווארן, א מורה־הוראה קוקט כסדר אויפן זייגער, ווי א דאקטאר אויף א וויזיט. האט קיינמאל קיין צייט נישט...

וואס איז אים אנגעגאנגען וואס מ'רעדט הינטער זיין רוקן. ער איז זיך אנגעגאנגען מיט זיינע שיעורים, מיט זיין סדר־היום, וואס איז געווען איינגעטיילט: „שליש למשנה, שליש למקרא". געשריבן זיינע חידושים, געלערנט יומם ולילה מיט בחורים און אליין פאר זיך. געפסקנט שאלות, געזעען ס'זאל זיין א כשרע מקווה יעדן טאג און ר'שלמה שוחט, אז ער זאל זיך נישט פילן נחות־דרגאדיק וואס ער מוז קומען יעדן דאנערשטאג ווייזן די חלפים, מיטגענומען ווי א מין דיין־שני ביים באקוקן די מקווה.

ר' שלמה שוחט, א למדן, א בעל־קבלה, א בעל יסורים, יעדן צווייטן טאג א תענית חלום. ווען נישט זיינע מאדנע קרומע דרכים, מיט וועלכע ער שטייט זיך אליין אין וועג, וואלט ער מסתם געווען א רב ערגעץ, אדער גאר געפירט רעביסטווע.

אין די שחיטה־טעג איז ער געשטאנען ביז מיטאג אין טלית און תפילין פאר ארון־קודש, אין „אונזער שטיבל", און זיינע בכיות האבן גארנישט אויפגעהערט.

נאכדעם ווי דער מורה־הוראה האט אנגעהויבן מיטגיין צו דער שחיטה, האט זיך ארויסגעשטעלט: אז דאס טריפה מאכן די בהימות איז געווען, ווייל ער האט כסדר געמיינט, אז די האנט האט אים א ציטער געטון בשעתן שחטן, און דאס נישט ווייל ער האט מורא געהאט פארן אקס, נאר מחמת רחמנות צום לעבעדיקן נפש: ער טאפט די ווארעמע סימנים, ער ציטערט אין גאנצן פון א מין פחד, שעפטשענדיק צעמישטע ווערטער —

אז דער געבונדענער אקס דעמלט האט דערזען ר' שלמה שוחט'ס צורה, דעם ציטער אין זיין רויטער בארד, איז וואסער גילגול עס איז אין אים נישט געווען האט ער שוין געהאט זיין תיקון — דער אקס האט מסתם צוגעמאכט די רויטע דערשראקענע אויגן און נאכגעזאגט אמן נאך זיין ברכה.

נאָך יעדער שחיטה האָט אים דער מורה־הוראה געמוזט אַ פּאָר מאָל פאַרזיכערן: „ר׳ שלמה, איך האָב בפירוש געזען, אַז איר האָט נישט געמאַכט קיין „שיהוי“, אויס מורה האָבט זיך אייך, אַז אייער האַנט האָט אַ ציטער געטון“.

ר׳ שלמה שוחט אבער האָט פון זיין אויגענער שחיטה נישט געגעסן.

דאס יינגע ווייבל, די רביצין, א סאסנאווצער יפת־תואר פון דער רייכער מאנזשעווער גאס, נישט א רביצין־טיפ, וואס קאן אנגיין מיט א האנדל פון הייוון און ליכט לכבוד שבת; א גרויס־שטאָטישע, וואס האט זיך געפילט פרעמד און איינזאם אינם פארווארפענעם מקום, אז ס׳איז געקומען דאנערשטאג, ווען ר׳ שלמה שוחט איז געקומען מיט די חלפים, האט זי אויפגעלעבט. זי האט זיך געפילט אין דער היים, אין איר אטמאספערע.

די טאכטער פון ראש־השחוחטים פון סאסנאווצע, א הויז וואו ברידער, שוואגערס, מחותנים רק שוחטים. א גאנצן טאג שלייפן זיך חלפים, בלאנקען שטאל־גלאנציק די שליפן, מ׳פירט זיי אויף פארשארצטע ארעמס, אויף לאנגן פינגער־נאגל, מ׳הערט זיך צו מיט אן ארויסגעשטעקטע שפיץ־צונג, מיט איין פאַרקוועטשט און איין אויספגעריסן אויג — די רביצין, אז זי האט דערהערט אין דער צווייטער שטוב ווי די חלפים־שיידלעך עפענען זיך, איז זי ארייגעקומען א צעשטראלטע מיט כבוד פארן טיש — זי האט דערפילט היימישע ריחות. איר נאָז האָט זיך ווי מיט פליגעלעך בחנט באַוועגט.

די שיעורים זיינען געווען אזוי איינגעטיילט, אז דער דאנערשטאג פארמיטאג האט געהערט דעם רבנות, דער קהלה. נישט נאר דער שוחט איז געקומען ווייזן די חלפים, נאר אויך דער ראש־הקהל, ד.ה. דער גבאי־ראשון פון בית־המדרש מיטן אונטערגעשוירענעם בערדל.

זינט דער נייער מורה־הוראה איז אויפגענומען געווארן זיינען די פרייזן פון שחיטה־געלט געטאפלט געווארן. דער גבאי־ראשון, וועלכער האט געוואוינט נישט ווייט פונם שוחט, האט פארקויפט פארקוויטלעך די קצבים צו שחטן „גסות“ און „דקות“ און די בעל־הביתטעס צו שחטן א הון אדער א גאנז; און דאנערשטאג, בשעת דער שוחט איז געקומען מיט די חלפים, איז אויך דער ראש־הקהל ארויפגעקומען אויסצוצאלן די געהאלטן — צען רובל דעם מורה־הוראה און צען רובל דעם שוחט, און זיך מיטבאטייליקט אין דעם כבוד, וואס די רביצין האט געשטעלט אויפן טיש.

דער דאנערשטאג פארמיטאג האט געהערט קהל, אזוי צו זאגן, א גאנצע וואך האט ער זיך נישט געלאזט שטערן א שיעור אחוץ מיט שאלות נשים. דער פרומער יינגערמאן, וואס פאר זיך איז די גרעסטע חומרא נישט צו שווער געווען, אבער אן עוף געשחטן אויף שבת כשר צו מאכן איז אים ממש געגאנגען אין נפש. ראשית מוז מען חס זיין על ממונם של ישראל, והשנית ווער ווייסט וואסער נשמה ס׳מוטשעט זיך אוןווארט אויף א תיקון, משלים צו זיין מיט איר מאה ברכות מיט זינגענדיקע זמירות פון „יהון הכא בהאי תקא“. און אז ס׳איז געקומען א שאלות נשים האט ער זיך געמוטשעט מיט כל־המצאות, אויסנוצנדיק דעם לעצטן פון די אחרונים מטהר צו מאכן אשה לבעלה.



א טעפל־לעפל שאלה, א לעבערל אן א גאל, א געבראכן פליגעלע, ווערצעלעך אויף קישקעלעך, האט נישט געהייסן, אז מ׳שטערט א שיעור: די שאלה־פרעגערין איז געשטאנען און ער האט מיטן טיש בחורים אויסגעשמועסט דעם גאנצן ענין. אדרבה, ס׳איז געווען א לערנען הלכה למעשה! אנדערש שאלות נשים: די רביצין האט ארייגדערלאנגט וואס זי האט געהאט ארייצודערלאנגען, און זי איז געבליבן דרויסן הינטער דער טיר שטיין מיטן רויטגעווארענעם ווייבל. די בחורים האט מען געהייסן ארויסגיין. געבליבן מיטן מורה־הוראה זיינען די דריי־פיר יינגעלייט, די קעסט־איידעמס. איז עס געווען א לייכטע זאך, איז עס געגאנגען איינס און צוויי. איז עס אבער געווען א שווערער פאל, האט מען שוין גענוצט דערצו גאנצע אינסטרומענטן, א „שפאקטיוו“, פארגרעסער־גלעזער, גאנצע סקאלן פארבן. די יינגעלייט דרינען האבן געזוכט, גענישטערט, געקנייטשט שטערנס, און די בחורים וואס זיינען ארויס פון דער אנדערער טיר אין בית־מדרש אריין האבן דערוויל מעיין געווען אין א ספר, און מאנכע האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן און געקוקט דורכן שליסל־לאך... אדער זיך געוויזן אין די גמראס יענער שטיקלעך וואָס ריידן פון ווייבערישע זאַכן.

דעם ערשטן דאנערשטאג פארמיטאג, ווען דער שוחט מיטן ראש־הקהל זיינען אוועקגעגאנגען און דער יינגער מורה־הוראה האט גענומען זיין ערשטן געהאלט, דאס „קרדום לחפור בה“־געלט, און געוואלט פטור ווערן דערפון און עס דערלאנגט זיין יינג ווייבל מיט יענעם שמייכל פון א יינגנמאן א בעל־ביתל, וואס גיט זיין ערשטן פארדינסט זיין פרוי, האט דאס יינגע ווייבל צו אים קעקוקט מיט א צניעותדיק־פארליבט בליקעלע: „דאס געלט וועסטו האלטן, און ווען איך וועל ברויכן וועל איך קומען צו דיר, און דו וועסט מיר געבן — דו וועסט בעסער האלטן חשבון“.

„וועסט דאך מיך מבטל זיין פון לערנען!“

„דאס וויל איך טאקע“, האט זי זיך צעלאכט. „און אז איך וועל ברויכן, וועל איך אנקלאפן אין טיר אינמיטן שיעור, ווי א שאלת נשים“. זי איז רויט געווארן פון צניעותדיקער פארליבטקייט צי פון דעם וויל זי האט געפילט, אז זי האט שוין איבערגעכאפט און זיך נאך מער פארגאלאפירט אין איר יינגלערישקייט און ווייבלעכער נאטירלעכקייט. „כ׳בין דאך נישט ערגער פון אן אנדער טשעלאדזשער ווייבל“... האָט זי שוין אויסגעלאָזן אין א טאן ווי זי וואלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן. ער האט שוין דעם אוונט נאך חצות, אין זיין חשבון־הנפש שעה, געוואנדלט אין זיין דבקות א שעה לענגער און ארייגעשריבן אין זיין פנקס לוח יומי: „הרבתי שיחה עם זוגתי תחי׳ ד׳ יכפר לי“.

אבער דערביי איז עס געבליבן! און ער האט שוין דערקענט אינם קלאפ צי דאס איז א שאלת־נשים צי דאס וויל זי געלט פון אים פאר צרכי הבית, און עס איז געווען רירנדיק צו זען דאס „ליבע־שפיל“ ווי ער איז געשטאנען ביי דער האלב־אפענער טיר מיטן בייטעלע אין האנט און אפגעציילט די פאר

גילדן אדער קאפיקעס, וואס זיין יינג ווייבל האט פון אים פארלאנגט.

ניין, זי האט נישט צופיל אויסגענוצט די פריווילעגיע. עס האט שוין געמוזט זיין זייער נייטיק אדער אז אן ארעמאן איז ארויפגעקומען און פארלאנגט א נדבה.

דער יינגערמאן, וואס האט אויף זיך גענומען דעם עול־הרבנות, האט זיך לגמרי נישט געלאזט שטערן אין זיינע פעסטע שיעורים, אין וועלכע דער טאָג איז געווען געגוי איינגעטיילט, ווי אַ גוט אָנגעצויגענער זייגער. יעדע שעה, יעדע מינוט איז געווען אויסגעפילט און געקלאפט צו דער רגע.

דער עיקר איז געווען גמרא מיט תוספות. דריי שיעורים א טאג, צוויי מיט תלמידים און איינעם פאר זיך — די ניין שעה לערנען איז געווען דאס ברויט! די איבעריקע שעהן זיינען געווען דאווענען און תהלים־זאגן, מקרא ומשנה, קבלה און מוסר, מעיין זיין אין דברי חקירה און אין א קוק אין חסידישע מעשיות. און זיין זייגער האט געמוזט גיין פינקטלעך און אויף דער רגע. אין סאסנאוועצ איז ער יעדן פרייטאג נאכמיטאג געגאנגען אין מקוה אריין דורך דער באן־סטאציע — דאס איז געווען זיין גרעסערער, וועכנטלעכער שפאציר! — און פארגליכן זיין גוט־גייענדיק זייגערל מיטן סטאציע־זייגער און עס גלייך טאקע אנגעצויגן לכבוד שבת. אין טשעלאדזש האט ער זיין זייגערל געריכט יעדן טאג. לויט דער ערשטער סירענע פון דער הוטע „סאטורניע“.

אין טשעלאדזש איז נישט נאר געווארן א יידישער ישוב, נאר אויך א מקום תורה; נישט בלויז האט עס יידן, וואס זוכן פרנסה, אהערגעצויגן דא צו די קאפאלניעס, וואו די „שווארצע בריליאנטן“ ווערן אויסגעגראבן און גויס פארדינען לייכט און געבן לייכט אויס א שווער־פארהארוועטן גראשן, נאר אויך בחורים פון די שטעטלעך ארום האבן אנגעהויבן צו קומען. יינגלעך וואס באגערן צו לערנען: געהערט אז דארט איז דא א רב א למדן, א ירא־שמים און זארגט אויך, אז א בחור זאל האבן צו עסן און א געלעגער. און פראפעסיאנעלע טאג־עסערס האבן שוין געוואוסט, אז אין דעם נייעם מקום זיינען די טעג גוטע: זעמל מיט פוטער און פלייש מיט צימעס...

דער פאטשענעווער בחור מיטן ברייטן הינטערן און גלאנציקן כאלאטל אויסגעריבן אויף אלע ישיבה־בענק האט צעגלאצט דעם גאנצן מארק, לויפנדיק צו מיטאג צו יאנקל היידע.

יידל טשענסטאכאווער, נישט אזא וואזשנער קאפ, א בעקער־יינג, א פרומאק, וואס איז באפאלן געווארן פון א תאווה צו לערנען, איז געקומען מיט א בריוו פון רבין; א יינג א גבור, א ריז, איז ער געשלאפן אויסגעבעט אין דער סוכה און געשפילט דעם „בית־דין“־שמש.

די יאר־סוכה, וואס האט פארבונדן דעם גרויסן קארידאר מיטן שטיגן־געלענדער פון מורה־הוראה׳ס דירה מיטן בית־מדרש, איז געווען די ישיבה, דאס בית־דין שטיבל.

אויך טשעלאדזשער בחורים זיינען אויפגעריכט געווארן: דוד דעם געלן ראובן׳ס, דער מתמיד, וואס איז פון לויטער התמדה ממש נישט געקומען צום



לערנען, ווי דער טאטע פלעגט אויף אים זאגן, האט אנגעהויבן צו באנעמען א בלאט גמרא מיט תוספות מיט שכל; ער האט ביים שיעור כסדר ארויסגעשטעקט דעם תמיד געבויגענעם קאפ מיט די קורצזיכטיקע מתמיד־אויגן און שטעטס פארקאטערטע נאז פון דער גמרא ארויס, וואו ארום דעם „פנים“, דעם ים־התלמוד האבן געברויזט די מפרשים, ווי א שנארכנדיקער פיש שטעקט דעם קאפ פון וואסער ארויס דעם אטעם צו כאפן.

דער מלמד ביים פעטער חיימל איז קראנק געווארן, זיצט ער אויף א „בייגל“ ביי אברהם יידלען. דער פרומער ייד האט מורא צו טראכטן אפילו פון דברי תורה, ווייל עס „הערט זיך“ פון אים — אברהם יידעלע דער ל„וניק זיצט אויפן שוסטער־בענקעלע, ציט דראטוועס און קלאפט טשוועקעס, און זיי דערציילן זיך מעשיות פון „גוטע יידן“. בער, דעם פעטער חיימלס איז אויך איינער וואס קומט רעגלמעסיק צו די צוויי שיעורים און אדורכגייענדיק ברענגט ער אים, זיין קראנקן רבין, ווארעמע פרישע קאווע אין א בלוי גורניקקענדל אין דער פרי און נאכמיטאג — אין אַ בלעכענעם קענדל פרישע הינער־יויך.

יאסעלע לייבוש גוטמאנס, וואס גייט יעדן טאג איבער דער גרענעץ קיין לאווורע־הוטע אין גימנאזיע אריין, אויפן אהיים־וועג צוריק, קומט ער צום צווייטן שיעור. ער טוט זיך אויס די גימנאזיע־קליידער און בלייבט זיצן כאחד הבחורים.

אברהם עפשטיין, מיין חבר, וואס איז שוין געווארן בר־מצוה, איז שוין צום נייעם זמן נישט צוריקגעפארן קיין בענדין. צו זיינע פערציק בלאט גמרא פון אויסנווייניק זיינען שוין צוגעקומען נאך פופציק, און ער איז איינער פון די „בעסטע“ בחורים.

ישראל מרדכי, דעם פעטער חיימלס האט שוין חתונה געהאט קיין שוועער און עסט קעסט. „לעבן“ וויל נישט לערנען, האט זיך געלאזן וואקסן א „גערבאלדע“ און שטייט אין געוועלב. לייבוש גוטמאנס צוויי אנדערע זין, פליט סענדער ארום אויף א מאטארציקל און מאכט משוגע דעם גאנצן מארק און די שיקסעס אין די געסלעך, און אברהם שיע אַרבעט שוין ביים פאַטער אין אייזנגעשעפט און די „מארק־לאָבוסלעך“ פאַרקויפט ער שליסלעך מיט נעגל אין א שפּאַגאַט צוגעבונדן. מען שיטן אַריין פראַך פון זאַפלקעס אין די שליסעלעך, מען פאַרשטאָפּט מיטן נאָגל, און דער מאַרק הילכט פון די שאָסן — מיר וויל ער נישט פאַרקויפן!

איך דריי מיך ארום פארלאזן, פארוואגלט, א יתום־קטן, א יינג קאזעלע, וואס מ׳טאר עס נישט שחטן. כ׳בין צו אלט, אז די מאמע זאל מיך האלטן אויף דער שויס און צו יינג, אז דער טאטע זאל זיך איינגאנצן מיט מיר אפגעבן אָדער גאר צו זיין שוין א בחור ביי די שיעורים אודאי נישט.

אז דאס בית־המדרש איז געווארן דער מקום־תורה, איז „אונזער שטיבל“ אינגאנצן ליידיק. עס טרייבט מיך, איך ווייס נישט וואס מיט מיר אנצוהויבן, כאטש נעמען א „פאלאנט“ מיט א רייפן און יאגן מיך איבער די גאסן. דערמאן

איך מיך אין דער קונץ, וואס יאסעלע האט געוויזן: אנבינדן א שטריקל אין רייפן, ארויפשטעלן א גלאז־וואסער און דרייען; נישט דאס גלאז וועט אראפּפאלן און נישט א טראפן וואסער וועט זיך אויסגיסן. אלע בחורים אין בית־מדרש זיינען ארומגעשטאנען, און ער האט דערקלערט די „תורה" דערפון. אומגעשיקט, ווי איך בין, גיי איך מאכן די קונץ, און דאס גלאז־וואסער פליט אריין צום וואוידעסלאווער דאמען־שניידער אין פענסטער אריין און טרעפט אים גלייך אין קאפ אריין, נאך גוט וואס ער ארבעט אין היטל...

אז קיינער זאל מיך נישט זען, בין איך שנעל ארויף אין שטיבל אריין, ארויסגענומען דאס ערשטע, בעסטע ספר און מיך געזעצט צום טיש — עס איז געוועזן דער של"ה הקדוש. אונטן איז א געשריי, א געוואלד. עס ווערט שטילער, שטילער, מ'לויפט אויף שטיגן, כ'הער רופן מיין נאמען ביז ס'ווערט אינגאנצן שטיל. מתחילת האב איך מיך געשאקלט איבערן ספר אויס מורא, מיך אויס באהאלטן פון די געשרייען אויפן הויף... ביסלעכווייז בין איך אריינגעצויגן געווארן אין די טיפע באהאלטענע סודות פונם ספר און נישט ווי איך וואלט געלערנט, נאר ווי ווער שעפטשעט מיר אין אויער אריין. די מורא גייט איבער אין א הייליקער שרעק, אין א יראת־הרוממות: עפּעס דערהער איך און עפּעס נישט אינגאנצן, אבער אלץ איז גלאט און בארואיקט, ווי איינער וואלט מיך געפירט ביי דער האנט און געגאנגען מיט מיר אזוי טאטעדיק־פארטרויט איבער א ווייטער ווייטער לאנקע — „דודי ירד לגנו" — — עס ווערט טונקל, בין־השמשות, עס איז אזוי גוט מיר אויף דער נשמה, אזוי זיס — — פלוצלינג גיט מיר ווער אריס ארויס דאס ספר פון אונטער די אויגן: „גיב נאר א קוק צו וואס א יינג האט זיך צוגעכאפּט! ביסט קראנק צו זיצן ביי א בלאט גמרא?" און איבער מיר שטייט דער קאקעצדיקער יאנקל הײדע אינגאנצן אן אנגעצונדענער, כאטש מיך צו דורסן. כ'בין שנעל אראפּ פון די שטיגן אינגאנצן א צעטאמטער, נישט ווויסנדיק שוין אינגאנצן וואס מיט מיר טוט זיך.

פון דעם טאג אן ביך שוין אינגאנצן ארויס פון די האלאבלעס! איינזאם, פארביטערט, דריי איך מיך גאנצע טעג ארום פארן דרדקא־מלמדס חדר און ווארט אפּ די קינדער. דאס רייטן גאנצע שעהן אויפן פארהונגערטן סראלקען דעם שוחטס פאר א זעמל מיט פוטער און שלאגן אים מיט א טאוול פון דער גמרא ווערט מיר אויך שוין מאוס. לויף איך דעם בארג אראפּ, א דריי ארונטער צו דער זשיקע און מיט איין שפרונג און איך בין שוין ביי דער וואוינונג פון מיין ברודער. די קינדער דערפרייען זיך מיטן „פעטער", אבער איך באנעם מיך נאך ווילדער פון זיי. באלד ווערט אזא לארעם אין דעם ליכטיקן, גרויסן קארידאר, אז מ'שטערט דרינען אין דער יאר־סוכה דעם שיעור.

ווען די טיר עפנט זיך אויף, זיצט יעקב יוסף רייטנדיק אויף מיר. שלמה דערזעט מיינע אויפגעהויבענע, פארשעמטע אויגן. האלב א פארטוענער אינמיטן ענין, אין וועלכן ער האלט, האלב דערפילט ער ווי עפּעס א מיטשולדיקער מיין סיטואציע און אנשטאט מיך אויסצוזידלען אדער — איך ווייס? — צו מוסרן, בעט ער זיך גאר ביי מיר: „אברהם נחום, זע דאך זיי זאלן זיין שטיל. מיר



ווילן דאך לערנען".

אונזערע אויגן באגעגענען זיך א רגע, און איך דאס פערד, וואס איך שפיל און בין עס אויך אינגאנצן אריינגעטון מיט לייב און לעבן, שטעל מיך אויף ווי אויף צוויי פיס און צעהירזשע מיך מיט א מענטשלעך געוויין: „און איך מיינסטו וויל נישט?" מיין ברודער קומט צו מיר צו מיט טרערן אין די אויגן, נעמט מיך ארום. איך רייס מיך ארויס פון זיינע הענט און מיט איין ריטש־אראפּ פונם געלענדער און איך בין נישטא.

איך אנטלויף איבער דער בריק צו דער מיל צו, כ'וויל מיך אריינווארפן צווישן די סטאוועדלעס פאר חרפה, פאר לאנגווייליקייט, פאר פארביטערונג, פאר נישט וויסן וואס אנצוהויבן מיט מיר. כ'בין מקנא די טעג־עסער, כ'ווער א שונא מיין געוועזענעם חבר אברהם — כ'לויף וואו די אויגן טראגן מיך!

כ'לויף ווי א ווילדער, כ'ווער משוגע: דאס רחבות, די זון, דאס גלאנציקע גרינס, כ'טאנץ, כ'שפּרינג, כ'פאל צו דער ערד צו און בינד מיר מיט דער גארטל די פיס און מיט געבונדענע פערד טאנץ איך און הירזשע ווי א לאשעקל און קוילער מיך מיט די לאשעקעס אין גראז.

אביסל ווייטער לויפט א קאזע מיט ווייסע קאזעלעך. ביים לעצטן, ביים קלענסטן קלינגט א גלעקעלע אויפן האלז, א צעגלאנטס אין דער זון. איך קייקל מיך אים אונטער די פיסלעך, עס שפּרינגט אויף מיר ארויף, לעקט מיך און דריגעט מיר אויפן בויך, אויף דער ברוסט, איך גיי שיער אויס פון קיצלדיקן געלעכטער. די מאמע־קאזע שטייט איבער מיר ממש ווי א מענטש און שאקלט איבער אונז ביידע מיט איר ציגן־בערדל און ציט אויס א לאנג־אויסגעצויגענעם מ־ע־ע — —

האט זיך דאס קאזעלע פארשטאנען אויפן ווארט? דערזעענדיק די שווערע, אראפּהענגענדיקע, גרויסע אייטער, האט עס זיך צוגעשארט דערצו — און איך, צי ווייל כ'בין שוין אויך געווען א קאזעלע — א צווילינג־ברידערל פון דעם קאזעלע! — צי פשוט דער דורשט? דאס אנדערע ציצל שטעקט שוין מיר אין מויל און איך זייג... יא, מארגן קויף איך מיר אזא גלעקעלע ביי אברהם שיען, אין געוועלב און וועל טאקע זיין אזא ריכטיק קאזעלע: גאנצע וועלט וויגט זיך גאלדן־צעשטראלט „איבער יענקעלעס וויגעלע" — —

די שעהן רוקן זיך, ס'איז שוין פינסטער. אין דער היים מיינט מען איך בין ביי מרים ביילען און זי וועט מיך שוין זאט מאכן און אנטרינקען צוזאמען מיט די קינדער. דערווייל לאזט זיך די גליענדיקע תמוז־זון צו מערב זייט. די סירענעס פייפן: „פייער־אבענד". עס וועט באלד אנהייבן א געגיי פון די קאפּאלניעס. די קוילן־גרעבער פון א גאנצן טאג האקן אונטער דער ערד, שווארץ ווי די טייוואלים, דערשטיקט פון די שטויבן, ארויסקומענדיק אויף דער ליכטיקער זון אויף דער פרייער לאנקע, דערזעענדיק דאס „זשידאקל", וועלן זיי מאכן א האצקע —

די סירענעס הייבן אן צו גיין איינע נאך דער אנדערער, ווי מיט א בייטש וועקן זיי מיך און איך הויב אן צו לויפן. אין די טויזנטער שיטן זיי זיך שוין

פון אלע זייטן. און הינטער דערמיל,די „שוואַרצער" באַהאַלטן אויס מורא פאַר א צווייטער רעוויזיע פון לויערנדיקע אביעשטשיקעס און מוסרים, דרייען זיך אריין אין דער שוואַרצער מאַסע און גייען בשלום אדורך די בריק — חיים־שיבער שטייט מיט „פּיראַנגען" אויף דער אנדערער זייט: „דאַ, פּיעראַנע, שנעלער, שנעל..." און איך, ווי עפּעס א פאַרזינדיקטער שעיר־לעזאזל פון א גאַנצן טאָג אַרומלויפן, שפּרינגענדיק מיט די קאַזעס, דריי מיך אויך פלינק אריין צווישן דעם שוואַרצן עולם און לויף אין איין שרעק אריבער די בריק.

דאָס בית־מדרש איז דירעקט ביי דער זשיקע, א מינוט פון דער בריק. שטיל כאַפּ איך מיך אַרויף. עס איז א שטילע ליידיקייט פול מיט זון. פייגל־געטשוויטשער אין די פענסטער־געזימסן. פון דער סוכה הערט זיך דער נאָכמיטאָג־שיעור. איך כאַפּ א בליק דורכן שליסל־לאָך. א פולער טיש מיט שוויצנדיקע בחורים, מיט בלינצנדיקע אויגן. אברהם מיט א פאַרשאַרצט היטל איבערן שוויצנדיקן שטערן זיצט צווישן זיי.

שלמה שטייט נחתדיק־צעכוואַליעט, די פּיאות צעפּלאַשעט, צעוואָרפן פאַר א קופּע צעמישטע ספרים, איינס איבערן אנדערן, מיט איין פוס אויף א בענקל ווי ער וואָלט אויף א פעלזן געשטאַנען. פּלוצלינג הייבט ער אָן צו דרייען מיטן גראָבן פינגער און אַלע הייבן אים אָן אקייגנצושפּרינגען מיט די הענט, מיט די אויגן ווי פיש, וואָס רייסן זיך פון א נעץ און שפּרינגען אקייגן. א, ווי וואָלט איך מיטגעשפּרונגען ווי א זילבער־פישעלע, וואָס שפּרינגט אין וואַסער אויף אין דער זון, א פלאַטקעלע, אַרויסגעצויגן אויף א ווענדטקע. מיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן — כ׳צעגיי טראָפּנווייז!

אַזוי ווי כ׳האָב מיך שטיל אַריינגעדרייט דורכן הויף, מ׳זאָל מיך נישט זען פון ברודערס שטוב, די קינדער — מרים ביילע, „די מויד" — אַזוי שטיל האָב איך מיך אַרויסגעדרייט — א הונט מיטן עק צווישן די וואַקלדיקע פיס —

וואו גייט מען, וואָס טוט מען מיט זיך? א ייִנג לויפט אַרום פועל בטל גאַנצע טעג, א פּרא־אדם, א חיה־רעה! סראַלקע איז מסתּם צוגעבונדן איצט ביי א פוס פון א בעט און וויגט דאָס שטיף־ברודערל... וואָס הייבט מען אָן צו טון מיט זיך? כ׳וועל אויפזוכן יאַשן, וואָס רייניקט די אַפּטריטן, ער שטייט אין גרוב און דערלאַנגט די איימערלעך און איך גיס זיי אין פאַס אריין וואָס שטייט אויפן וואָגן. איינגאַנצן א באַשמירטער אין צואה, די קליידער, די הענט, דאָס פּנים, די אויגן קוקן מיט אַזויפיל גוטסקייט, אַז כ׳וויל אראָפּ צו אים אין גרוב און א קוש טון... כ׳לאָז מיך לויפן צו מאַנעלען אין דער זודע־וואַסער פאַבריק.

אין גרויסן הויף אַרויס שטייען אָפן די טירן. „ציש־ציש־ציש, ציש ציש ציש" הערט מען דאָס פּילן פון די פלאַשן. דאָס אויסגעהונגערטע מאַגערע פערדל, געיאָגט ווי מיט א בייטש פון דעם „ציש ציש ציש", הייבט נאָך די פיס קוים פון א גאַנצן טאָג דרייען דעם קלאָץ, אַז די רעדער פון די מאַשינען דרינען זאָלן זיך דרייען; עס דרעפּטשעט און דרעפּטשעט אין דעם אויסגעטרעטענעם קרייז, ווי אין א מין כשוף־ראָד, ווי עפּעס אן אַלטער ייִד מיט



טריפנדיקע אויגן; עס קוקט מיך אָן ווי א באַקאַנטן, ווי א גאָר־נאָענטן. און שוין, מיין בליק לייכט אויף. איך וואַרף אַראָפּ ס׳כאַלאַטל פון מיר און נעם אָן דעם דראַנג און דריי מיך מיטן פערדל. איך לעב אויף און דאָס פערדל מיט מיר מיט.

מאַנעלע, וואָס שטייט דרינען ביי דער מאַשין און פּילט די פלאַשן: ציש ציש ציש, פּילט אויך, אַז דרויסן אַרבעט א נייער כוח. ער מיינט, אַז ס׳איז סראַלקע דעם שוחטס און אַז ער וועט אים מוזן געבן א פלאַש זודע־וואַסער מיט סאָק.

מיינע געדאַנקען לאָזן מיך אָבער נישט אָפּ. וואָס וועט ווערן פון מיר? א פערד־טרייבער, א פּאַראַבעק, א וואַויטעק, א יאַש, וואָס רייניקט אויס די בית־הכּסאות? אברהם זיצט זיך דאָרט צווישן די בחורים און לערנט, און איך?...

אָן א כאַלאַטל דערזע איך מיך אין מיין גאַנצן הולך: כ׳האָב אַפילו נאָך נישט קיין האַלבע הויזן... גאַנצע הויזן מיט א „לאַדן"! ווי קום איך צו לערנען מיט חתנים־בחורים, וואָס קומען פון בענדין, פון סאָסנאָוויצע, אַזש פון טשענסטאָכעוו! איך מוז גיין צום דרדקי־מלמד, ער זאָל מיר מאַכן א „פּעקל"...

דאָס פערדל זעט אויף מיין פּנים, אַז איך בין אויף גרויסענע צרות, עס קוקט אויף מיר ווי אויף עפּעס א מין גלגול, א פערד בצורת אדם, און גיט מיר ווי אויף קאַטאָוועס א קלאַפּ מיך אַרויסצושלאָגן פון מיינע שווערע רעיונות — מיר באַגעגענען זיך מיט די בליקן, און דאָס פערדל גיט א מין מענטשלעכן הירזשע: „השם יתברך — —" און פאַרשלינגט דעם „וועט העלפן" מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער קאַטאָוועס־ליפּ, וואָס זעט אָבער אויס זייער טרויעריק, פון גרויס מיטלייד צו מיר, אָפּנים.

מאַנעלע האָט מסתּם געהערט דעם הירזשע און טראַכט: „דער סראַלקע קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן און טשעפּעט זיך שוין צום פערד..." קומט ער אַרויס א בייזער מיט א פלאַש מאַלינאַוועקע זודע־וואַסער. ווען ער דערזעט מיך אָבער ביי דעם „קלאָץ", שטראַלט ער אויף: „כ׳האָב געמיינט ס׳איז סראַלקע. ווי קומסטו דאָ אַהער? ביסטו נישט ביים שיעור?" דאָס לעצטע וואָרט רעדט ער אַרויס אַביסל ליצנותדיק — א פאַרשעמטער כאַפּ איך שנעל דאָס כאַלאַטל, ער זאָל נישט דערזען מיינע גאַנצע הויזן מיט „לאַדן": מאַנעלע איז א צוואַנציגער ייִד. ער האָט באַלד געכאַפּט, אַז איך בין געבליבן דרויסן... און אָנגעהויבן מיט מיר צו ריידן גאַנץ ערנסט ווי מיט א גרויסן, ווי מיט איינעם פון א צד, מ׳ווייסט אָבער נישט מיט וועלכן:

„דיין ברודער פירט דאָ נישט קיין רבנות, נאָר א ישיבה... מיר האָבן געמיינט אַן אייגענער, אַן אונזעריקער, א טשעלאַדזשער, א בחור פון דאָ, מ׳נעמט אים אויף פאַר א מורה־הוראה, וועט ער זיין אַן אייגענער, אַן אויסגעקאָכטער מיט קהל... דערווייל פאַרלייגט ער גאָר א גאַנצע פאַבריק... א זודע־וואַסער פאַבריק!" צעלאַכט ער זיך:

„אַהערגעשלעפּט א חברה טעג־עסערס, זיי פרעסן אונז די ביינער אָפּ —

דארמאיאדניקעס! און אייגענע ייִנגלעך לויפן ארום פוסט און בטל״. ער קוקט מיך צוואַנג אָן, ער זעט, אַז ער האָט צוגעטראָפן אין פּונקט אַריין: „מיין הענעך׳ס ייִנגל וויל ער אויך נישט אַריינגעמען . . . ס׳לעצטע מאָל, מיט מיר פּאַרנדיק פון סאָסנאָווצע, ער זאָל צו מיר אַ וואָרט מפסיק זיין... נאָר זיינע ספּרימלעך און ספּרימלעך... ער זאָל דאָס אַ בליק טון אויף מיר״.

מאַנעלע האָט שוין געזען, אַז ער האָט פאַר מיר אַריבערגעכאַפּט די מאָס, ער האָט דאָך נישט דאָ מיט פּיעראַנען דעם אונטער־גבאי אָדער מיט חיימל שיבער צו טון: „אַברהם נחום, וועסט טרינקען אַביסל מאַלינאָווע זודע־וואַסער?״ און ער דערלאַנגט מיר דאָס פריש־אָנגעצאַפּטע פלעשל־וואַסער, און איך, אַ דערשוויצטער, אַ דערהיצטער פונם גאַנצן טאָג אַרומלויפן, פונם דרייען דעם קלאַץ, האָב מיט איין צי אויסגעטרונקען די אויסגעוועפּטע, קלעפּיקע זיסקייט, נישט דערפילנדיק די אייז־קאַלטקייט פונם וואַסער. און אַ פּלוצ־לינגדיקע היץ, אַ פיבער האָט מיך אַרומגענומען, און אַ פּלאַן האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן אין מיין הייסן קאָפּ; אַ געוואַלדיקער פּלאַן —

און אומר ועושה, ווי נאָר מאַנעלע איז אַריין צוריק אין דער זודע־פאַבריק, האָב איך דעם פּלאַן אויסגעפירט: מיט ליידיקן פלעשל אין דער האַנט בין איך אַוועק צו דער זשיקע, מיך פלינק אויסגעטון, אַריין אין וואַסער, איך גיי מיך טאַקע באָדן, הייסט עס, אָבער שנעל צוריק אַרויס און אַז קיינער זאָל נישט זען, צעבראָכן דאָס פלעשל אין אַ שטיין און גענומען אַרומשניידן די הויזן און געמאַכט פון די גאַנצע הויזן — האַלבע!!

מיין אויפטו איז געווען אויף חידושים, אָבער די צרה איז געווען מיטן „לאַדן״. ער פאַלט אַראָפּ, ער האַלט זיך נישט . . . ס׳קוקט טאַקע נישט אַרויס קיין „צימפּל״ ווי פון אַ שפּאַלט, נאָר דער גאַנצער הינטערן איז דרויסן . . .

דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן: אָנטון צוריק ס׳„לייבל״, אויס־דרייען פון פאָרנט . . . פון הינטן . . . וואו זיינען די קנעפּ? . . . די לעכער? . . . עס איז שוין נישט געווען דער קאָפּ, וואָס האָט געאַרבעט. עס איז שוין געווען דער פיבער. דאָס באָדן אין זשיקע נאָך דעם צעהיצטן טאָג האָט נאָך ערגער געמאַכט. דער שטערן האָט מיר געגליט, דער קאָפּ האָט זיך געד־רייט. מיין „צעבראָכענע נאָז״, וואָס מיט יעדער וועטער־ענדערונג האָט זי אינטענסיוו מיטגעאַרבעט, האָט ערשט איצט אויף ריכטיק גענומען באַווייזן וואָס זי קען. זי טוט גאַנצע מעשים אָן, זי היסט און ניסט, און קוים מיך אַרויפשלעפּנדיק דעם באַרג מיט אונטערגעהאַקטע, פיבערדיקע קני, צוהאַלטנ־דיק דעם לאַדן ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן, רינט פון מיר גאַנצע פלאַשן: ציש־ציש־ציש, ציש־ציש־ציש. נישט איך שלעפּ מיך דעם באַרג־אַרויף, נאָר איך דריי מיך אין ראָד. איך וויל מיך אָנהאַלטן ביים קלאַץ און איך פאַל. און וואו איז ס׳פערד? ס׳גייט אַזוי שווער, אַזוי שווער — כ׳הער עס דעכען, נעבעך . . .

דאָך איך האָב מיך דערשלעפּט ביז צו די שטיינערנע טרעפּ פון די פאַר־פאַרמאַכטער הינטער טירן אויף די קייטעלעך. ווייטער קאָן איך נישט מער. נישט אַז איך האָב פאַר עפּעס מורא, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן . . .



כ׳הער פון דרינען מיין נאָמען, מען רופט מיך, מען זוכט מיך, אָבער איך קאָן מיך נישט אָפּרופן — — צימעלע האָט מיך געפונען אין דעם מעמד אַ האַלב־פאַרחלשטן אויף די טרעפּ.

ווען מ׳האָט מיך אַריינגעפירט, האָב איך שוין נישט אַפילו געטראַכט, אַז כ׳מוז מיר צוהאַלטן די „האַלבע הויזן״, דעם אַראָפּגעפאַלענעם „לאַדן״. מ׳האָט מיך אויך קיין שום שאלות נישט געפרעגט. די מאַמע האָט מיר געטאַפּט דעם קאָפּ און געמאַכט אַ געוואַלד אַ טויטן אויפצוואָוועקן: „ער גליט דאָך, לויפט נאָכן דאָקטאָר!!״

דאָס פעלדשערל איז געקומען מיט זיין ליכטיק שמייכעלע. קודם האָט ער באַרואיקט די מאַמע, און צו מיר אָנגעהויבן ריידן ייִדיש: „אַלץ דערצייל, איך אַלץ ווייס, דער טאַטע מיר געזאָגט: אַן אייזל דערקילט זיך אַפילו אין חודש ליפּיעץ. האָסט דיך געבאָדן אין די דריי וואָכן . . . זעסט, אַלץ איך ווייס,״ צעלאַכט ער זיך ביי מיר אויך אַרויסצורופן כאָטש אַ שטיקל פון אַ שמייכל, נאָר ס׳איז אים נישט געלונגען.

די רעצעפּט האָט ער פאַרשריבן אין דער צווייטער שטוב, און אויך שוין פאַר דער מאַמען, פאַר איר מיגרענע. און אָנגעזאָגט דעם טאַטן, אַז ער זאָל זיך אויף מיר מער אומקוקן. עס איז נישט נאָר די פאַרקילונג; און אַז ער וועט מאָרגן אין דער פרי ווידער קומען.

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געגליט אין פיבער און גערעדט פון היץ, און די מאַמע איז געזעסן איבערן בעט און זיך געבראָכן די הענט.

אין דער פרי, ווען ס׳פעלדשערל איז געקומען, איז די מאַמע געזעסן איבער מיר און געשלאָפן. קוקנדיק אויף איר, האָט ער געזאָגט דעם טאַטן מיט אַ שמייכעלע אָבער גאַנץ ערנסט: דעם „סין״ וועלן מיר שוין געזונט מאַכן, אָבער די „מאַטקע״ מוזט איר זען באַצייטנס נאָך, ווען ס׳איז זומער, אַרויסצושיקן זיך צו פּאַפּראַוויען.

איך האָב נאָך אַלץ גערעדט נישט פאַרשטענדלעכע רייד האַלב־וואָכיק, האַלב אין שלאָף: פון אַ ציגעלע, פון אַ זילבערן גלעקעלע, פון יאַשן, פון לאַדן וואָס פאַלט אַראָפּ אין אָפּטריט־גרוב און איך הייב אָן צו וויינען: יאַשו, יאַשו, דאָס ווייסע ציגעלע . . .

די מאַמע ברענגט אַריין יאַשון, אָן איינגעשמירטן פון ערגעץ. ער קוקט אויף מיר און לאַכט אַזוי גוט צו מיר און איך צו אים. זי ברענגט צו טראָגן אַ ווייס ציגעלע מיט אַ גלעקעלע. ס׳שפּרינגט אַרום אין דער שטוב און לעקט מילך פון אַ טעצל. מיר איז אין אַ פּאָר טעג בעסער געוואָרן, נאָר דער דאָקטאָר האָט געהייסן בלייבן אין בעט. איך ליג און זע אין דער היים איז אויך נישט אַלץ ווי ס׳ברויכט צו זיין. דער טאַטע דרייט זיך אַרום ווי אויפן עולם־הדמיון, ער זעט אויס פאַרזאָרגט, ער קוקט אויף מיר, אויף דער מאַמען און ער זעט אויס ווי דערדריקט פון שווערע עולן.

די מאַמע פאַרקערט איז אויפגעלעבט. אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, נאָר מיט מיר פאַרטון און מיטן קאַזעלע. דאָ גיט זי אים מילך, דאָ האַלט זי עס

ביי מיר אויפן בעט, ס׳זאל נישט אראפשפרינגען.

„טשיפ, טשיפ, טשיפ״, קומט זי אריין פון פאדוואורזש מיט א קוואקעמיט הינדעלעך, און זי קאן זיך גארנישט אפלויבן: „איי, דו ווייסט גארנישט ווי קלוג זיי זיינען. איך עפן נאר די טיר פון שטאל, דערקענען זיי מיך. און דאס קליינע איז דאס קלינסטע״. דערלאנגט זי מיר אין דער האנט אריין א קליינטשיק עופהלע, א פוכיקס, א ווארעמס, וואס גראטשעט אזוי קיזשלדיק מיט די פיסעלעך.

„עוף השמים יוליכו את הקול״. די באבע אין מילעוויץ האט געהערט פון מיין נישט געזונט ווערן, און זי איז אנגעקומען מיטן פעטער יודע פייוול, אן אנגעלאדענע מיט אנגעשפראכענעם קאנדל־צוקער און מיט שמן־זית אייל פון ארץ ישראל.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען, בין איך געזעסן אין בעט און מיך געשפילט מיטן קאזעלע. דער פעטער יודע פייוול, א לעבעדיק־צעלאכטער, איז צו מיר צוגעקומען: „א יינג ווי אַ בער! שעמט זיך נישט קראנג צו זיין?״ און זעענדיק דאס קאזעלע, האט ער די מאמע אויסגעלאכט: „לייג דאך אים אין וויגל אריין און זינג אים צו: אונטער יאנקעלעס וויגעלע שטייט א ווייס ציגעלע״.

די גאנצע שטוב איז געווארן פול מיט געזונטן געלעכטער ווען ער האט אנגעהויבן צו דערציילן פון מיין אנטוויינען: „א יינג לויפט שוין ארום אין א טלית־קטן, מאכט שוין א ברכה איבער די מילך און די מאטקע זייגט אים נאך. ער וואלט נאך היינט געזויגן, ווען איך נעם אים נישט קיין מילע־וויץ. נישט אים האט מען געמוזט אנטוויינען, נאר זי״. ער קוקט אויף דער מאמען מיט די צעלאכטע אויגן: „הערט, מענטשן, זי איז נאך געקומען צוועלף ביינאכט אים אנצוזויגן — כ׳האב זי אהיימגעיאגט״.

שלמה איז אויך געקומען זעען וואס איך מאך, מקיים צו זיין מצוות ביקור חולים. דער פעטער יודע פייוול איז זער ערנסט געווארן דערזעענדיק אים אזוי אין דער איצטילא דרבנן, און איז אריין מיט אים אין א שמועס איבער לייב הערשן: „נישט, חלילה, אז איך וויל אים פטור ווערן, ער קאן עסן אייביקע קעסט... אבער כ׳זע זינט ר׳ יוסף ענגל איז געווארן קראקעווער ראש בית־דין און דו, טשעלאדזשער מורה־הוראה, איז ער נישט דער זעל־בער... דו, קענסט דאך לייב הערשן...״

שלמה איז טרויעריק געווארן, אבער באלד דערויף אויפגעלויכטן מיט אן איינפאל: „אין שטיבל אין סאסנאווצע ווילן זיי כ׳זאל צוריקקומען און דארטן ווערן דער דריטער מורה־הוראה. דער אלטער מורה־הוראה באשטייט שוין, נאר ר׳איציקל דרייט נאך. עס שמעקט אפשר מיט מחלוקות, אבער וואס מיינסטו? איך ווייס נישט וואס ס׳טוט זיך דא הינטער מיינע פלייצעס״.

דער טאטע ווערט אויפגערוימט און ווארפט אריין. „דאס געהערט, מסתם, צו די מחלוקות לשם שמים... דאָס איז דער כוח פון גער״. שמייכלט ער.

איך כאפ נאך אויף שלמהס ווערטער: „איך האב יסורי נפש. חיים זלאטע יאק חיים זלאטע, אבער דעם מאנעלע, דעם איש פשוט האבן זיי אויך שוין



דעם קאפ פארדרייט״. דער פעטער יודע פייוול איז שוין נישטא. די באבע איז אין שטוב. עס איז שוין טונקל. איך האב אן הנאה וואס שלמה ווייסט שוין פון מאנעלען... איך ווייס דאך, מאנעלע האט מיר דאך אלץ געזאגט, און מיט פיעראנען... יא, שלמה ווייסט וואס ס׳טוט זיך הינטער זיינע פלייצעס... ער ווייסט מסתם אויך אלץ פון מיר... ווי ער האט געקוקט אויף מיר ווען כ׳האב מיך מיט א ריטשע אראפגערוטשט פונם געלענדער...

אין שטוב איז שטיל. די מאמע ווייס איך נישט צי זי שלאפט צי זי מאכט זיך נאר בלויז. זי האלט פארמאכט די אויגן. איך טוליע מיך שטיל צום ציגעלע און איך הער עס רעדט טיף אין דער טונקלניש, עס איז דעם טאטנס קול, אבער עפעס אזוי פארהוילן סודותדיק: „וואס מיינסטו, איך ווייס נישט. דריי־סיק יאר האב איך עס געטראגן אין מיר שווייגענדיק... שלמה, ס׳וועט דיר שוין גארנישט העלפן, דו מוזט שוין גייך אין די יאַזשמע... מיין מאמע פלעגט מיר דערציילן פונם זיידן: ,מיין מחותן דער בער, ר׳דודל, זיי האבנ׳ס לייכט, אראפגעווארפן דעם עול־תורה... זיך אנלאדענען מיט לויטער ליב־שאפט, ארומגערינגלט מיט טאנצנדיקע יידן... אבער זיץ נאר א נאַכט איבער א שאלת פקוח־נפש — עס נעמט די עצמות ארויס!׳ ״

„שלמה, דו וועסט שוין שלעפן דעם עול תורה. ווארף דיך אריין גאנץ אינם ים־התלמוד. זעסט דארטן די שווארצע שאנק, האלט דיך אן אן איר. ס׳איז א תיבה אויסגעקלעפט מיט פעך פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק — האלט דיך ביי גמרא מיט תוספות. אין רבינו תם׳ס צייטן האט מען כוח געהאט צו אלץ: צומאָל דעם, מה לפנים ומה לאחור ענטפערן מיט א, ,יש לישב׳...״

„שלמה ווייסטו דען וואס איך האב אדורכגעמאכט, שטייענדיק שעהן ביים שייבן־שענקל? כ׳האב דיך געוואלט פארהיטן, פאר די קליינע ספרימלעך דאָרט... דאס שייבן־שענקל קאן צעברעכן, ס׳איז פון גלאז... הרהורים, רעיונות מארדעווען, און דו מיט דיינע חומרות... ושמרתם את נפשותיכם איז אויך איינס פון תרי״ג, א זבורי׳ פון שפיכות דמים... אלו דברים שאין להם שיעור, מיינט אויך לקילה, נישט נאר לחומרה...״

עס ווערט שרעקלעך שטיל. „טאטע״, הער איך ווי שלמה זאגט, וויל ווייטער עפעס זאגן און עס בלייבט נאך מוראדיקער שטילער. דער טאטע רייסט פלוצלינג איבער ווי מיט א מעסער: „זעסט דארט דעם יינג, ווי ער ליגט מיטן קאזעלע? אויף אים האב איך מאנכעסמאל גרויס רחמנות... אפילו מורא... מאנכעסמאל דאכט זיך מיר אז דאָס וואַקסט א מין תם, אַ גולם, אן אויסגעוואָקענער בער... און מאנכעסמאל ווייזט זיך מיר דווקא אויס, אז ער האט באזונדערע כלים... כ׳וואלט אים נישט געוואָלט צולאזן צו דער גמרא. זי וועט פון אים א סוף מאכן... געדענקסט ווי שוין אלס קינד האט ער זיך צוגעכאפט צום אר״יס סידור?... יענע וואך האט אים יאנקל היידע געט־ראפן אליין אויבן אין שטיבל פארטיפט אין של״ה הקדוש...

„כ׳האב מורא פאר דעם יונג, דאָס גאָלדענע ציגעלע וואס די מאַמע האָט אים געזונגען, אַ מעשה עפעס פון א בער, אַלץ זעצט זיך אים אין קאפ אַריין,

צוזאַם מיט די מעשיות דאָ אין שטוב פֿונם רבי ר׳ בער, פֿון זיידן בעריש זצ״ל... אַ גיגול? אַן עונש?...״

דער טאַטע האָט זיך פֿלוצלינג אין דער טונקלניש באַגעגנט מיט מיינע פֿינקלדיקע אויגן... „ס׳איז שוין באַלד פֿינסטער, קום, מיר וועלן אַרויפֿגיין דאַווענען מנחה״.

* * *

דאָס וואָס פֿלוצלינג געשען דעמלט, אין יענע טעג, האָט געמאַכט פֿאַרגעסן אין אַלצדינג: אין די מחלוקות, אין מיין קראַנק זיין, אין מיין מאַמעס „מיגרענע״ — אין אַלצדינג!

נאָך האַלבער נאַכט, שטאָק־פֿינסטער. שוואַר־אָטעמדיק, מיד־פֿאַרשווייסטע קעפּ, ערשט איינגעשלאָפֿען נאָכן דעמפּיקן הייסן טאָג, כאַפּן זיך דערשראָקן אויף, פֿאַרקלעבטע אויגן רייסן אויף, אַ פֿייפֿן, אַ בלאָזן, אַלע קאַפּאַלניע־סירענעס יאָמערן רופֿן, שרייען־איבער איינס־ס׳אַנדערע, אימגעהייעריש — גאַנץ טשעלאַדזש שטייט אויף די פֿיס: אַ קוילן־שאַכט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער, די רישטאַוואַניעס זיינען איינגעפֿאַלן און צענדליקער קוילן־גרעבער זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן אונטער דער ערד, צעקוועטשט פֿון די סטעמפּעס, פֿאַרגאַנט, פֿאַרשאָטן — די גאַנצע מינע שטייט אין פֿלאַמען!

אַז אַ פֿייער ברעכט אויס אין מיטן דער נאַכט, לויפֿט מען צום פּלאַץ וווּ ס׳ברענט, מען זעט פֿון דערווייטנס די יאָגנדיקע פֿלאַמען וואָס שיסן צום פֿינסטערן הימל, די שפּריצנדיקע פֿונקען, וואָס טראָגן זיך ווי ברענענדיקע פֿייגל אין דער לופֿטן. מענטשן שאָטנס שפּרינגען אַרום אַ ליכטיקן קרייז, אויסגעצויגן לאַנגע און אַזעלכע פּיטשעדיקע; טאַטעס מיט קינדער וואַלטן זיך געהאַלטן ביי די הענט און געטאַנצט אַ קאַראַהאָד אַרום פֿייער. מ׳לויפֿט אַהין צו דער ליכטיקייט פֿון עפּעס אַ משוגענע ווילדקייט אַרומגעכאַפּט, פֿון עפּעס אַ מין מוראדיקע פֿרייד—מ׳לויפֿט ראַטעווען: קינדער וויינען, ווייבער שרייען, מענער שלעפּן די שיקאַווקע, די „קושקע״, איינער דעם אַנדערן דערלאַנגען עמער״ס, מ׳טראָגט בעט־געוואַנטער, קושענס, דער הימל איז אַזאַ ליכטיקער, אַזאַ וואַרעמער. און זע אַ ווייסע טויב פֿליט אַרויס פֿון די פֿלאַמען, דירעקט אַרויף אין הימל אַריין...

יענע נאַכט איז געווען משנוי־מוראדיקע! די סירענעס יללהן, די קלויסער־גלעקער קלינגען, אַ פֿינסטערניש מיט די הענט אָנצוטאַפּן — אַ שטיל געלויף, אַ טיר נאָך אַ טיר עפֿענט זיך סודותדיק אויף און מאַכט זיך געהיים צו: „באָזשע מאַי״...

מ׳האָט מורא אַ וואָרט אַרויסצורייידן, אַ לאָמטער אָנצוצינדן. גויעס איינגעהילטע אין שוואַרצע טיכער לויפֿן באַרג אַראָפּ, יאָגן ערגעץ אַהין אין אַ פֿינסטערער הייל, אַ שטיל וואַסער כוואַליעט אין דער נאַכט; מ׳זעט נישט קיין מענטשן, קיין שאָטנס, די שוואַרצקייט ראַיעט זיך, אָטעמט און באַוועגט זיך, אַ בלינדע טאַפּעניש, אַ פֿינסטערע מעלאַנכאָליע איז אויסגעגאָסן איבער די חושכדיקע גאַסן, זיי ציען זיך ווי טיפֿע שאָטעס.



6 אַזייגער אין דער פֿרי. מ׳זעט נישט, מ׳הערט נישט גיין פֿון דער שיכט און צו דער שיכט. זיי בלייבן אַלע דאָרטן שטיין אויף די לאַנקעס ביי דער שאַכט, די ווייבער האַלטן זיך ביי די אַרויסקומענדיקע מענער.

עס שטעלט זיך אַ הייסער סוף־זומער טאָג, עס קרעלט אין די העלדזער פֿון די אַרויסשטייגנדיקע גאַזן, פֿון די רויכן, פֿונם מיאַל וואָס ליגן גאַנצע קופּעס. די זון זעט אויס ווי אַ פֿאַרקאָפּטשעטע אַ רויט ענטצינדן פֿערדיש אויג!

די לאָנקע איז פֿול מיט די טויזנטער, אַרבעטער מיט זייערע ווייבער און קינדער. אַלע ווילע פֿאָרן אָן אַנדערע מאַשינען פֿון די קאָפּאַלינעס אַרום, פֿון איבער די גרענעץ, פֿון לאַורע־היטע, פֿון בייטן.

מ׳ווייסט שוין 58 אַרבעטער זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ „מינע״. מ׳גראָבט, מ׳פּלימפּט, מ׳גיט סיגנאַלן.

58 ווייבער, מיט מאַמעס, מיט קינדער שטייען ביים שטאַכייטן־טויער, איינגעהילט אין טיכער, אַ שטומע אומבאַוועגלעכע קופּע — אַזאַ קופּע מיאַל אַרויסגעגראָבן פֿון אַ שאַכט... די קופּע באַוועגט זיך פֿון די גליאיקע היץ... גלחים אין זייערע לאַנגע שוואַרצע בגדים און שקצימלעך אין ווייסע העמדלעך אַרימגענייטע מיט שפּיצן מיט צלמים אין די הענט שטייען צווישן זיי.

מיר פֿילן זיך עפּעס ווי אויסגעשלאָסן, ווי פֿאַרשעמט; די פּאָר מינים נישט אויסגעשלאָפֿענע יידן דרייען זיך פֿון רעדל צו רעדל, ווי אָנגעפּאַרענע אויף אַ פֿרעמדן יריד. יעדע ווייל קומט אָן אַנדערע שטאַפּעט: „ס׳איז נישט גוט״... „מ׳קאָן נישט צוקומען״ אַ נייער אויפֿרייס פֿון גאַז״... „די אַרבעטער בונטעווען זיך די רישטאַוואַניעס זיינען געווען פֿון פֿוילע קלעצער... די אייגענטימער, די געזעלשאַפֿט „וועלן נעמען מיליאָן פֿאַרזיכערונג״...

דער טאַטע דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ אין געוועלב, תהילים זאָגנדיק, מיט אַזאַ מעלאַנכאָלישקייט אינם קול, אַז עס ווילט זיך אַזש וויינען.

דער פֿעטער חיימל קומט אַריין און קוקט אויפֿן טאַטן: „ווען פֿאַטעק וועט קומען מיט ברויט פֿון בענדין זאָל מען אפֿשר אַהין פֿאָרן מיט וואָגן ברויט און טיילן צו לאַבנס צו די ווייבער?...״

אָ, דער פֿעטער חיימל פֿילט זיך אויך מער פֿאַרשעמט ווי טרויעריק, אויסגעשלאָסן און פֿרעמד; אַ „זעקל־יידל״ וואָס איז אַהערגעקומען פֿון „מלך־אביונס גיטער״ צו האַנדלען דאָ מיט די גויים... נחום קראָפּס זון, די מוטער טראָגט אַרום וואַרעמע באָבעס מיט אַרבעס צו פֿאַרקויפֿן, דער איינציקער ייד וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ קוילן־גרעבער אויף דער קאָפּאַלניע, אַרבעט אויך שוין נישט מער... גייט אין די גויאישע געסלעך אַרום און שרייט: „האַנדעל, האַנדעל!״... ער איז גאָר נישט קיין שוטה „פּראיים נאַר״, ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנג מיט גורניק־לאָמפּ און מיט טשייניקל יעדן זעקס אַזייגער אין דער פֿרי צו דער אַרבעט אין די קוילן־שאַכט, ביז ער איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון די זעלבער... (ווער עס האָט געאַרבעט אין קוילן־מינעס האָט נישט געברויכט צו גיין דינען.) שוואַרץ ווי קויל זעט ער אויס, פּראיים, ווי ער דרייט זיך אַזוי

איצט, מיטן זעקל פון קופּקעלע צו קופּקעלע מיט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אויפגעשטעלטע אויערן, עפּעס אויפצוכאַפּן; ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין דעם אומגליק! . . . און ווי וואָלט ער, דער פעטער חיימל, אַצינד אויסגעזען, ווען ער, דער נאַטשאַלניק סטראַזשאַנאָווע טוט זיך אָן דעם הויכן מעשענעם הוט און דרייט זיך אויפן מאַרק צווישן די קופּקעלעך . . . אָדער שטיין גאָר דרויסן ביים אומגליק און געבן באַפעלן ווי צו דרייען מיט דער שיקאָווקע?

„אוודאי“, קוקט טרויעריק אויף אים דער טאַטע: „מ׳מוז עפּעס טון . . . שלמה הער איך זאָגט תהילים אין בית־מדרש מיט די בחורים“ . . .

איך ווייס שוין: איך לויף אַרויס אויפן בענדינער וועג אָפּצוואַרטן פּאַטעקס ברויט־וואָגן! און ווען איך דערזע די אָנקומענדיקע בויד, כאַפּ איך מיך הינטנאַרום, דורכן דרענגל אַריין צווישן די קופּעס פרישע ברויטן און קוקלעס. דער אויסגעבאַקענער וואַרעמער ריח פאַרגייט מיר אין מיין, נאָך נישט גאַנץ אויסגעהיילטער נאָז. איך נאָרע מיך צוזאַם און האַלט מיך איין קיין ניס נישט צו געבן, איך היס אין מיר אַריין.

ווען די בויד איז אָנגעקומען אויפן מאַרק איז דער פעטער חיימל אַריין צו פאַן באַטשע אין געוועלב אַריין און אים געבעטן, אז ער זאָל ארויספאָרן און טיילן די ברויטן: „פאַרשטייסט, עס פּאַסט בעסער אזוי . . . דו ביזט דאָך אַ נאָנטער . . .“ אויסגעסטראָיעט ווי צו אַ פאָגזשיב איז אויף זיין בריטשקעלע פאַן באַטשע נאָכגעפאָרן פּאַטעקס ברויט־בויד.

דער מאַרק מיט די רעדלעך און קופּקעלעך יידן האָבן דער עגלה נאָכגעקוקט און לייכטער אָפּגעאָטעמט . . . ביי דער זשיקע, אַרויסגעקומענע פון וואָלבעראָמער־שטיבל, פון השכמה, שטיין אַ חברה בעל־מלאכות, ווי אויף איין פּיס, מיט שרעק אין אַוועק־איילנדיקע אויגן און רירן זיך נישט פון אָרט . . .

ווען די בויד איז אָנגעקומען פאַר די שטאַכייטן פונם טויער, זיינען די גלחים מיט די שקצימלעך מיט די צלמים אונטער זיי צוגעקומען צום וואָגן. באַטשע מיטן היט אין דער האַנט איז אַראָפּגעגאַנגען צו זיי פון זיין בריטשקעלע. ער האָט זיך פאַרבויגן מיט גרויס־האָנער און געצלמט מיט פרומען טרויער. איך האָב געציטערט, די גלחים זאָלן נישט אָנהייבן צו שווענצלען די ברויטן ווי זיי טוען עס אין „גרינעם דאָנערשטעק“ . . . איך האָב מיך פעסט אָנגעהאַלטן ביי די פאות און געשעפּטשעט אין די ברויטן אַריין: „שקץ תשקצנו . . .

אויפן וועג אַהיים האָט מיר פּאַטעק — אַהיימשער בענדינער בעקער, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי רייך ווערן, אליין איז ער שוין נישט געשטאַנען ביים קנעטן, ביים אויוון, און מער פון הנאה וועגן, אַליין אַרויסגעפאָרן מיט די בויד, געשפּאַנט אין אַפּאָר פעסטע פערד פאַרטיילן די ברויטן, — געוואָלט איבערגעבן די לייצעס. ער האָט געמיינט אַז איך האָב מיך אַרויפגעפּאַפּט אויפן וואָגן, ווייל כ׳וויל אָנטרייבן דאָס געשפּאַן, ווי כ׳פלעג עס טייל מאָל, און אַוועק מיט די פערד, ווען ער איז אַריין מיט די ברויטן אין אַ געוועלב.

ער האָט געזען, אַז איך רעאַגיר נישט, אז כ׳בין פאַרטון איז ער אויך פאַרטראַכט געוואָרן און מיט נאָכגעלאָזענע לייצעס האָט דאָס פעסטע געשפּאַן



געטענצלט מיטן ליידיקן וואָגן, די רעדער האָבן געהילכט איבער די גאָסן, וואָס זיינען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבן: „אַן אומגליק, אַן אומגליק“, האָט ער מער גערעדט צו זיך ווי צו מיר, „נאָך גוט וואָס ס׳האָט כאָטש קיין ייד נישט געשאַדט . . . ווער ווייסט נעבעך וואָס די ביכלעך וועלן מוזן ליידן . . .“ האָט ער שוין געקוקט, אויף מיר ווי אויף א געוועלבניק, צו הערן מיין מיינונג.

„שראָלקע דעם שוחטס גייט אַרבעטן אויף דער שאַכט“, האָב איך אַ ברום געטון. ר׳ יאָסל פּאַטעק איז טרויעריק געוואָרן, ער האָט געמיינט, אז שראַלקע דעם שוחטס אַרבעט טאַקע ווי אַ קוילן גרעבער, און דאָס אַליין קאָן שוין אַ ייד מאַכן טרויעריק . . . און נאָכדערצו אַ זון פון אַ כלי־קודש, אַ שוחט . . .

דער אמת איז אָבער געווען, אז דער „גייט אַרבעטן“ האָט געמיינט, אז ווען שראָלקע וועט ווערן עלטער מיט צוויי יאָרן וועט ער גיין אין די שאַכטעס: כדי אָנצוטון זיי שטיף־מאַמע אַשטיקל . . . זאָל מען זען ווי אַ שטיף־מאַמע טרייבט אין דער ערד אַריין . . .

פאַר דער בריק זיינען מיר געבליבן שטיין: מאַנעלע איז אָנגעקומען מיט זיין פערד און וועגעלע און זיך געאיילט אַריבער צויאָגן איבער דער בריק. די פלאַשן האָבן געקלונגען פריילעך אין די קעסטלעך, ווי דעמלט ווען ער האָט זיך געיאָגט אויפן אָטפּוס . . . דאָס פערדל זיינס, ווי ס׳וואָלט מיך דערקאָנט, האָט ווי צו אַ נאָנטן אַ מין קוק אַפּיר געטון פון אונטער די קלאַפּעס, מיט זיין תמיד פאַראָפּעטן, רינענדיק־רויטן אויג און איצט נאָך, פאַרקאָפּטשעט פון שטיקנדיקע גאַזן און רויכן.

אויף דער בריק, וואַקלדיקע אין דער זון, זיינען געשטאַנען חיים זלאַטע, („חיים שיבער“, דער „פילצער עילוי“), מיט פיעראָנען, האַלב אָנגעשכורטע און געוואָרט אויף די שוואַרצער. „חיים שיבער“ האָט מיר גוט ברידעריש צוגעווונקען: „הא, וואַקסט אַ טשעלעדזשער עילוי ביי פּאָטעקן אונטער אויוון? . . .“

פאָרן בית־מדרש בין איך פלינק אראפּגעשפּרינגען פונם וואָגן, ארויפּקומענדיק, האָט שלמה מיט די בחורים נאָך אלץ געזאָגט תהילים. איך האָב שנעל אויפגעמישט ווי מ׳האַלט און אָנגעהויבן מיט צו זאָגן מיט גרויס כוונה, ווי אַ דערוואַקסענער, ווי א גרויסער, ווי איינער פון די בחורים . . .

הינטן אין ווינקל, אן איינגעהילטער אין טלית און תפילין איז געשטאַנען שלמה שוחט און געקלאפּט מיט די פויסטן אין דער וואַנט מיט בכיות און יללות, טאַקע ווי זיין שראָלקע, חלילה, וואָלט געווען איינער פון די 58 שאַכטערס פארכאַפּט אין דער קוילן־מינע . . . מיט ציטערנישט האָט איך מיך כסדר אומגעקוקט, און געזוכט שראָלקען מיט די אויגן.

פלוצלינג האָט דאָס „טויטן־גלעקל“ פון דער טומאה אָנגעהויבן צו קלינגען. מיר האָבן עס אַלע געקענט. מיר זיינען שטיל געוואָרן, נאָר ר׳ שלמה שוחטס קלאַפּן מיט די פויסטן אין דער וואַנט, זיינע בכיות און יללות האָבן נישט אויפגעהערט; די פלוצלינג געוואָרענע שטילקייט האָבן זיי נאָך העכער געמאַכט.

שראָלקע דעם שוחט׳ס וואָס האָט געהאָלפן מאַנעלען ביים זשאָבן, איז

קודם אַרויף אין בית־מדרש, איידער ער איז געלאָפן אין מאַרק אַריין דער־ציילן: אַ חוץ די 58 אַרבעטער זיינען אויך 6 פערד פאַרכאַפּט געוואָרן אין דער שאַכט און איין סטראַזשענעווע פון דאָמבעראָווע איז אומגעקומען בשעתן ראַטעווען.

איך האָב שנעל אָװעקגעלייגט דעם סידור, גאַנץ פאַרגעסן, אַז איך בין שוין ממש איינער פון די בחורים און מיט אַ געוואַלד אים נאָכגעלאָפן: „וועלכע פערד, די פון דער לאַנקע, מיט די געפּענטעטע פיס?״ שראַלקע ווי איינער פון פאַך, ווי ער וואָלט טאַקע שוין געווען אַ ריכטיקער גורניק, צי גאָר שוין אַ שטייגער, האָט מיר אַלץ פּותר געווען און ער האָט מיר אויך דערציילט:

פאַר די שוואַרצערס איז אויך געווען אַ שוואַרצער טאָג, מ׳האָט געכאַפּט איינעם ביי איינעם, די אַביעשטשיקעס האָבן געוווסט, „ברא לי״! יעדער, וואָס גייט היינט אַריבער איבער דער בריק, איז אַ מוליכער.

## אסיען וואריאציעס

### סאנעט

אַזעלכע בלוי־געלייטערטע פאַרטיפטע הויכן — —
די הימל־אין־סופיקייטן נישט צו דערגרינטן — —
גאַנצע נעכט געוויסער־רעגן און ווילדע ווינטן,
ראַפּטים זאָל אַזאַ זילבער־קלאָרקייט אַרויסטויכן.

שימל און זשאווער צו גאָרנישט שוין צו געברויכן —
בראָקאַט־מאַנטל פון גאָלד און זילבער געשפּינטן,
שלעפּ, שפּיצן־ראָבע קוקט אַרויס פון הינטן,
שפּינפּעדימדיק, אָטעמדיק, כאָטש אָװעקצוהויכן.

פון די קעפּ פון דיביימער דאָס בלעטער־געשיט,
און ביי יענעם, דער גרויסער פליך שוין אין דער מיט,
בלויז ווי יונג צעשטראַלט אין זון, מיט פּנים געזונטן;

שטאָלץ־דערהויבן דעם שלאַנק־צעגלאַנצטן גלאַצע־קאָפּ,
איין מלבוש נאָך צווייטן וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ,
טיף־וואָרצלדיקער אין ערד־לייב זיך צו דער גרונטן.

1

אַ פּודער־קוואַסט, פון שעכטל בלוי־עמאַלירטן,
הייבט זיך די זון פונם נעפּל אַרויס,
דערפרישט געשטויב צווישן מיינע פּנים־קנייטשן,
און מיט אַמאָל ווי פאַריונגט עס זעט אויס.

מיינע געדיכט־פאַרוואַקסענע אויגן־ברעמען,
ווי ס׳וואָלט ווער אויסגעציפּט: ציפּ־ציפּ, ציפּ־ציפּ . . .
זע יענער פויגל דאָרט ער וועט באַלד אָנפליען,
אין זיין רויטן דזשוב ס׳שטיפּטל פאַר מיין ליפּ.



אַלץ שוין פיקס־און־פערטיק און גאַנץ צום רומל,
ס׳פעלט נאָר אַז אַ טייכל וווּ זאָל דאָ זיין,
קריסטאָל געשליפן, אין רעמל גאָלד־צעגלאַנצטן,
אַז ווי נאַרציז כ׳זאָל בלייבן דערפאַר שטיין.

2

נישט אַ בלום אין אַ פּייערקע איינצופלאַנצן,
צווישן טאָפּל־פענסטער זי אריינצושטעלן,
צי אונטער דאַך פון גלעזערנעם ספּעקטרום,
די ווינטער זון מיט אַ שטראַל זאָל זי באַהעלן:

אויף קוליעס לענט זיך געבוקט דאָס שוואַכע שטענגל,
גרין־און־בלאָ אויסגעצערט, בלייך די בלאַסע בלעטלעך,
צווישן אַזעלכע ווי זי,, קרענקלעך געטוליעט,
ווי געפּלעגטע חולאים אין שפּיטאָל־בעטלעך.

אַ לעצטע אַסטער, אַ צעגלאַנצטע אין איר בראָנז,
פון איר שטענגל אין שטורעם־ווינט אָפּגעבראָכן!
ברויכסט זיך אַראָפּבייגן בלויז, זי אויפצוהייבן,
צום בוזעם, סאַמע פאַר דער נאָז צוגעשטאָכן.

3

אַ צוגעקלעבטער נעסט מיין קאָפּ צו דיין לייב,
אַ מינדסטער ווינד־בלאָז פאַלט ער צעשאָטן אַראָפּ;
האָרך, עס זינגט שוין אַזוי שטיל, עס פּיפּטשעט שוין קוים,
געבוקט איבער אים ביזט דער דאַך איבער מיין קאָפּ.

וואָס איז ער דען? הייפעלע ערד שטויבעלעך,
דאָ און דאָרט גראָ אריינגעקנאָט אַ האָר נאָך;
אַ מינדסטער באַוועג, מיט אַ פליגעלע אַ שאָרך,
און אַ שפּאַרבער פליט אַריין דורך נעסטל־לאָך.

אין דיינע שטילע הענט כ׳וועל צוריק ווערן,
גאָטס אָטעם אויסצוהויכן מיט מיין לעצטן וואָרט.
ווי שטיל כ׳וועל ליגן אין דיינע צוויי אָרעמס,
אַ פויגל אין זיינע פליגעלעך צונויפגענאָרט.

4

איר שווערן קאָפּ לאָזט די דאַליע טיף אַראָפּ,
זי ווייסט, ס׳זיינען אירע לעצטע וואָכן;
זי וואַקסט נישט מער אין זון — זי וואָרעמט זיך נאָך,
פון שטענגל צו ווערן באַלד אָפּגעבראָכן.

אַ פולן קאָפּ זשומען איר די בינען אָפּ,
אַזש עס שווינדלט איר פינסטער אין די אויגן;
אין מינדסטן ווינטל קוים וואָס זי האַלט זיך שוין,
בלייבט סמוטנע שטיין נאָך טיפער איינגעבויגן.

איבער איר קאָפּ אין פלאַטערדיקן גאַלאָפּ,
צוויי פלאַטערלעך יאָגן איינס דאָס צווייטע,
גלייכט זי זיך אויס זיי נאָכצוקוקן,
אַ צעשטראַלטע, אַ שמייכלדיק דערפרייטע.

5

אויף די שויבן, מאַט־איבערלאָפן,
הערן די טראָפּן נישט אויף צו רינען,
און פון מיין קאָפּ, ווי גרוי־פאַררעגנט,
גייסט דו נישט אַרויס מיר פונם זינען.

ביזט דו מיין טרייסט אין די טונקלע טעג,
דער עפּעס אין וואָס מיך אָנצוהאַלטן,
ווי אַ זון־שטראַל אין פינסטערן טאָג,
אין דיקסטן וואָלקן איז נאָך באַהאַלטן?

אויף די שויבן, שוואַרצע, צעגלאַנצטע,
טריפן די טראָפּן נישט אויפצוהערן —
אין די נעכט, אין מיינע חלומות,
איבער קאָפּ ווי ווינען כ׳זאָל דיך הערן.

6

עס פאַלן די בלעטער פאַרוועלקטע פון דיביימער,
אבער יעדער וואָרצל אַ פאַרטיפטער פון רעגן ווערט,
און מיטן מינדסט־צעשאָטענעם זימענדל פון די שויטן,
אין קומענדיקן פרילינג גרינען וועט ווידער די ערד.

איך פיל ביי מיינע וואָרצלען גריזשען שוין די ווערעם,
לעצטער וואָרצל צומאָל צעפוילט שוין באַלד און גאַנץ צעשטערט
און איבער בערגעלע וואָס וועט גרינען איבער מיר,
אַז שפּראָץ פון מיין זוימען זאָל שטיין געבויגן — נישט באַשערט.

זע, דער סעפּטעמבער־הימל פאַרכלאָפּעט, פערעגנט,
מיט אַ מאָל שטראַלט ער אויף — קינד־אויג וואָס איז אַ פאַרטרערט,
אין מיטן געוויין די מאַמע האָט אים צוגעזאָגט,
אַז איבער אַ יאָר וועט ער קריגן וואָס זיין האַרץ באַגערט.



7

דער ציטערדיקער שאָרך אין דעם בלעטער וויאַן,
ווען דער סעפּטעמבער־ווינט גייט אין געצווייג — —
דער דעמב צו דער כמאַרע איבער זיין קאָפּ,
מיט נאַקעטער פויסט ווייזט ער איר אַ פייג.

אָקטאָבער שטורעם ברעכט שטיקער פון אים,
וויפיל וואָרצלען וואַשט געוויסער רעגן אויס — —
אַ מינדסטן באַוועג ער זאָל זיך דאָס געבן,
בלייבט שטיין ווו ער שטייט אין גאַנצער גרויס.

אין די לאַנגע ווינטער נעכט, נאָך זיין מאָס,
ווייסע תכריכים ער נייט זיך און בייט — —
אָבער ביז עס דערשלאָגט אים נישט דער דונער,
די האַק אים אונטערהאַקט — אַ דעמב ער שטייט.

8

מיט האַלב־פאַרמאַכטן הוילן בליק קוקט לבנה אראָפּ,
און זון ווי זי וואָלט געשלאָפן מיט אָפענע אויגן;
וואַנדל איך ביי טאָג ווי אין אַ שווערן חלום ארום,
און נעכט ציען זיך, ווי סמאָלע פון פעסער געצויגן —

פון די פינסטערע בילדער, אַ טרוימען פאַרגליווערטער,
וואך איך דערשראָקן אויף, א פויגל אין פעך געפאַנגען;
צווישן וואָר און טרוים ווי גרוילט בין־השמשות־גרוי,
לבנה שוין פאַרלאָשן און זון נאָך נישט אויפגעגאַנגען.

סוף־זומער־טעג באַגעגענען זיך טויט און לעבן,
וויסט־פאַרוואָקסענע געוויסער־רעגן, פאַרווישטע וועגן —
אויף אַלע פיר זייטן ווילדסטער שטורעם אַנטלויפט פאַר זיי! —
בלויז ווער ווייסט ווער פאַר וועם דערשרעקט זיך מער ביים באַגעגן.

9

נישט ווי ווליטשקע, נישט ווי וואָל וויקלען זיך נעפּלען,
נישט זיידן־דין מער סוף־זומער פעדעם שוועבן,
נישט לאַנגען שלעפּ, שוועבעדיקן חופּה־שלייער,
דורכזיכטיק־שלאַנק הענט קונציק־פלינק צאַרט וועבן.

באָבע יאַכנע איינגעהויקערט אונטער וואָלקנס,
זאַק־נאָדל אירע שטומפּיקע פינגער האַלטן,
מיט קרומע שטעך לאַטעט זי אירע תכריכים,
אין איר אַלטן ירושה־קאַסטן באַהאַלטן.

די מאָטן און די מילבן האָבן זיי צעפרעסן
די גריזשענדיקע מייז אינגאַנצן צעביסן,
ווייל זי נאָך מיט אירע לעצטע שוואַכע כוחות,
פאַרנייען די לעכער און די גוואַלט־ריסן.

10

און אַז דו וועסט נישט מער צוריקקומען, מיין טויב,
איז דאָס טאַקע אַ סימן, אַז די וועלט איז אַ וועלט,
אָדער ווייל אלצדינג איז פאַרוויאַנעט און פאַרוועלקט,
און אַ גרין בלאַט מיר מיטברענגען האָט זיך דיר פאַרוועלט ?

און אַז דו וועסט נישט מער צוריקקומען, מיין טויב,
איז דאָס אַ סימן דיינע פליגל זיינען צו שוואַך,
אָדער ווייל עס גייט אַ לאַנגער בייזער ווינטער,
און ווערעם־צעפרעסן און פויל קראָקווע פון מיין דאַך ?

און אַז דו וועסט אָנפליען אין פרילינג, מיין טויב,
און אַ גרין בלאַט דו וועסט טראָגן, דעמלט און דיין מויל,
נישט בלויז די קראָקווע אונטער דאַך, נאָר איך מסתם,
אונטער דער ערד שוין ווערעם־צעפרעסן און פאַרפוילט ?

11

לעצטע לידער הילצערנער ניגון באַגלייט זיי,
הוילער הילך עכאָ׳ט אין צעגריזשעטע גלידער ;
זעגנדיקע גריל זינגט הייזעריק אין גראָז,
אויף קני פאַלט אונטערגעהאַקטער בוים אַנידער.

זיין געבליבענער פניאָק — וואָרצלען, צעטאָטשעטע,
אָן שטילן שטאָם שוין, אָן שאַרכנדיקע צווייגן !
אַלץ ווערעמדיקער צו ווערן און צעפוילן,
אַ הייפעלע ערד ליגן בלייבן און שווייגן.

הער, אַלע צווייגן קנאַקן אויסגעטרוקנטע,
פייער־צונגען אויפצוצוקן פלינק צו פאַרלעשן ;
אין לעצטן פיבער־גלי צו ווערן פאַרמוטשעט,
אַ פונק אין אויסגעמליטשעט שטרוי נאָכן דרעשן.

---

אונזער גרויסער טרויער איבער דעם פלוצלינגען טויט פונם שרייבער, דעם רעדאַקטאָר פון „היימיש״, **משה גראסמאַן** — חבל על דאבדין !

„לשון און לעבן״

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צום קולטור־און ייוואָ־טוער אין לאָנדאָן **ע. וו. פאַדאלסקי** און זיין **פרוי** צום טויט פון זייער טאָכטער.

„לשון און לעבן״



## א. מ. קייזער

# פון טרונק א׳ ביז טרונק ב׳

(נאָכן ארון פון י. י. טרונק)

אייגענטלעך, האָבן מיר געהאַט צוויי טרונקס: טרונק א׳ און טרונק ב׳; דער, וואָס האָט געלעבט אין פוילן, און דער — אין אמעריקע. דער ערשטער — א מיסטעריעזער, א רעטזלהאפטער, א קוריאָז! און דער צווייטער — א סטאַטעטשנער, א פאלקסטימלעכער, אחד משלנו, אן „עמך!“

יחיאל ישעיה טרונק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט 74 יאָר צוריק אין א דאָרף ביי לויוויטש, שטאַמט פון א גביריש־חסידישער משפחה, איינגעטונקען אין לויטער יחוס. פון פאָטערס צד — אן אור־אייניקל פון דעם בארימטן ר׳ יהושעלע קוטנער, און פון מוטערס צד — אן אייניקל פון ר׳ ברוך גזשיוואַטש — איינער פון די רייכסטע יידישע גוטס־באַזיצער אין פוילן. א אידישער „פריץ“.

טרונק האָט באַקומען א טראַדיציאָנעלע פרומע דערציאונג, כנהוג אין יענע צייטן. אַט דער זיידענער יונגערמאַנטשיק, דער דורכגעווייקטער אין תורה און אין חסידות, ווערט פאַרכאַפּט פון די נייע ווינטן פון השכלה און וועלטלעכקייט. בשתיקה, אונטער דער גמרא, לערנט ער שווערע פרקים פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די וועלט זיינע ווערט אים ברייטער, וואונדערלעכער, בפרט נאָך ווען ער איז אוועק צו פרצן. פרץ האָט אים שטאַרק מקרב געווען, ווייל ער האָט פאַר זיך געזען א צאַצקע א יונגערמאַן, מלא־וגדוש מיט תורה און השכלה און מיט די סימני־נערות פון א וואַקסנדיקן טאַלאַנט. טרונקס ערשטע יידישע יצירות האָבן זיך טאַקע געדרוקט אין פרצס „יידישער וואָכנשריפט“, אין 1908.

און טרונק האָט זיך דעמאָלט נישט בלויז באַנוגנט מיט וועלטלעך־וויסן, נאָר א האָט אויך געוואָלט זען און קאָנען די גרויסע וועלט, דעם סדר־העולם. האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אויף א גרויסער וועלט־רייזע. אפילו אין דער מדבר־סאַהאַראַ האָט פאַרבראַכט גאַנצענע נעכט, כדי זיך צו באַקאַנען מיט דער ווילדער נאַטור. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פוילן, אָנגעלאָדן מיט א גרויסן באַגאַזש פון ממשותדיק וויסן, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיינע רייזע־בילדער, היסטאָרישע נאָוועלן, און בעיקר — זיינע ברייט־פאַרצווייגטע און עמקותדיקע עסייען.

טרונק איז נישט געווען א שרייבער פאַר די מאַסן. בלויז יחידי־סגולה האָבן אים געלייענט. נישט סתם „געלייענט“, נאָר געלערנט ווי א שווער־שטיקל מהרש״א. די קריטיק האָט אים באַטראַכט אלס א אוניקום, א קוריאָז.

זיין לעבן איז אויך געווען א מין קוריאָז.

געלעבט האָט ער אין א פאַלאַץ אין לאָדזש און זיך געפירט ווי אן אָריענטאַלישער פרינץ. ווייל קיין געלט האָט אים נישט געפעלט. פון איין זייט איז ער געווען דער אידעם פון פריוועסן, דער וואַרשעווער חסידישער אייזן־קעניג, און פון דער צווייטער זייט, איז זיין טאַטע געווען דער אייגענטי־

מער פון די שענסטע און גרעסטע הייזער אין לאדזש. דער טאטע זיינער, דערציילט מען, האט אים געגעבן חנוכה־געלט — א הויז אין דער סאמעראדנער פיעטריקאווער גאס. חוץ־דעם, האט טרונק, בשותפות מיט די מיליאנערסקע ברידער קאן, געהאט א גרויס מאנופאקטור געשעפט. אזוי, אז ער איז געווען שטיין־רייך.

היינט, אז מען איז אזא גביר בן גביר, איז מה יעשה הבן — פארוואס קאן ער זיך נישט פארגינען אליין צו דרוקן די ספרים ? האט מען זיך טאקע דעמאלט געוויצלט : „טרונק איז א מעצענאט פון אן איינציקן יידישן שרייבער. דער שרייבער הייסט : טרונק!“ . . .

אסך ווערק האט ער דעמאלט אפגעדרוקט, געשריבן אויף כל־ערליי טעמעס, מיט אינטעלעקטועלער טיפקייט, מיט חריפות, ווי עס פאסט פאר ר׳ יהושעלע קוטנערס אור־אייניקל.

טרונק איז געווען אן עושר אין גשמיות און אין רוחניות !

און דער קוריאז ווערט ערשט גאר פארשארפט, ווען אט דער גביר־אדיר נעמט זיך גאר חברן מיט די פארשטייער פון די הארעפאשנע מאסן, מיטן „בונד“, די אחדותניקעס, און זיי ווערן זיינע בני־בית. טרונק, דער רייכער אדלמאן, דער געבוירענער אריסטאקראט, איז פאן־בראט מיט ארחי־פרחי, מיט „עמך, שער און אייזן“, און געפינט דארט גרויס נשמה־עשירות.

ווערט מען פארבליפט : א מענטש, וואס איז געבאדן אין גוטס, גלויבט אין „בונד“ און אין זיין סאציאלער תורה, און כאטש ער ווייסט, אז די שיטה פון „בונד“ איז צו ליקווידירן אזעלכע עשירים ווי ער איז, דאך איז ער א פארברענטער חסיד פון דער־אָ ארגאניזאציע. אדרבא, ער לאזט ערשט ארויס נייע ווערק צו באגרינדן זיין סאציאליזם, ווי „סאציאליסטישע אימפרעסיעס“, „אידישע קולטור־פראגן און דער סאציאליזם“.

שטייט מען און מען גאפט.

הערט : א למדן מופלג אין תורה און אין חסידות, און צוגלייך א מענטש פון אוניווערסאלער בילדונג, א מאמין אין סאציאליזם, א ראדיקאל אין אויס־קוק, און — א רעליגיעזער איד, א פרומער !

היינט, גיי פארשטיי אזא מין סתירהדיקייט ?

אט אזוי האט אויסגעזען טרונק א׳ ביז עס איז געקומען דער גרויסער חורבן־פוילן אין סעפטעמבער 1939.

טרונק פארלירט אלץ וואס ער פארמאגט. ער אנטלויפט מיטן בידנעם לעבן. לויפט איבער די ווייטסטע רוסישע מרחקים, לויפט איבער סיביר, איבער יאפאן, איבער דעם פאסיפיק, ליידט זיך אן אלע שבעה מדורי גיהנום, ביז ער דערשלאגט זיך קיין אמעריקע אין א מעמד פון א בעטלער.

און דא, וואקסט פאר אונז אויס דער טרונק ב׳.

טרונק דער יורד, דער רואינירטער, צעבראכענער פונעם מוראדיקן חור־בן, דער פרינץ אין טראנטעס, וואקסט אויס גייסטיק־הויך ; אויב נישט נאך העכער ווי ער איז געווען אין פוילן. ויקם טרונק חדש ! א נייער טרונק האט



זיך אנטפלעקט.

די טעמעס זיינע זענען נישט מער מכח וועלט־ליטעראטור, אידעאליזם און נאטוראליזם, סאציאליזם, נאר גאר פשוטע, פאלקסטימלעכע, עמכדיקע, ווי הערשעלע אסטראפאליער, שמחה פלאכטע, כעלעמער מעשיות, מעשיות פון בעל־שם, פון ר׳ נחמן בראצלאווער. מייסטערהאפט סטיליזירט, מיט אן אייגע־נארטיקן סטיל, א צונויפגוס פון אלטן לשון־קודש מיט יידיש־קודש. א שיר־השירימדיקער יידיש. די מעשיות זענען דורך זיין נייער פען נתעלה געווארן צו דער מדרגה פון שירה. זיי האבן באקומען זייער קינסטלערישן תיקון.

ניו־יארק איז טרונקס פרוכטיקסטער פעריאד. דארט האט ער אויך ארויס־געגעבן זיין „פוילן“, א מאנומענטאל ווערק אין זיבן בענד, וואו ער האט, מיט אלע זיבן חנען, פאראייביקט זיין חרוב געווארענער היימאט.

מיט א יאר צוריק האט ער אויך אנגעשריבן א גרויסן היסטארישן ראמאן „משיחס געוויטער“ — אן אפשפיגלונג פון שבתי צביס תקופה. ווען די פאר־לעגער האבן איבערגעליינט די הקדמה פונם מאנוסקריפט, איז זיי נישט געפעלן געווארן די פאלגענדיקע שורות :

„איך בין אלט געווארן דריי און זיבעציק יאר.

מיינע טעג זענען צום סוף. דאס בוך — איז מיין לעצט בוך“.

וואס הייסט, — האבן זיי מיט אים איינגעטענהט — ווי איז מען אויף זיך גוזר אזא גזר־דין ? ווי קאן אזא שעפערישער כח ווי טרונק זאגן : שוין ! דאס איז דאס לעצטע ! ? האבן זיי זיך ביי אים געבעטן, אז די שורות זאלן ארויסגענומען ווערן. סוף־כל־סוף, האט ער מסכים געווען. „מילא, האט ער זיי געזאגט, מאכט די אפעראציע !“ די אפעראציע איז געמאכט געווארן, אבער דאס זענען טאקע געווען די לעצטע שורות זיינע . . .

און פונקט ווי טרונק האט זיך אין ניו־יארק גייסטיק דערהויבן, אזוי איז ער אין מאטעריעלן זין געווען בשפל המדרגה. נאר ער האט דעם מצב זיינעם מיט א סטאָאישער פילאזאפיע מקבל באהבה געווען. געווען א שמח־בחלקו.

„וועדליג מיין פילאזאפיע — האט ער געשריבן אין זיין לעצט קאפיטל זכרונות — בין איך אויף הונדערט פראצענט אלרייט. אויב ראקפעלער האט מער געלט פאר מיר, זאל ער עס האבן געזונטערהייט. איך וויל מיך מיט אים נישט בייטן. ווען אימיצער — ווידער א צופאל — זאל אראפשפרינגען פון די וואלקנס און מיר צוריקברענגען מיינע מאַיאָנטקעס, וואלט איך אים געזאגט : ליבער צופאל, א שיינעם דאנק פאר דער טירחה. איך בין נישט מער צוגעבונדן צו קיין זאכן און בין דערימעך אינערלעך א פרייערער מענטש ווי, נישט היינט געדאכט, אין די מאַיאָנטקעס. איך זיץ מיר אויף א צווייג פון מיין בוים און פייף מיר א לידעלע, א דאנק השם־יתברך“.

דאס לידעלע זיינס איז, דאכט זיך, אזוי זארגלאזיק, היימלעך, האפערדיק, אבער ביי אים הארצן איז א חורבה, א מפולת. די משפחה זיינער — פארשניטן. דאס ווייב — געשטארבן און די איינציקע טאכטער אין פוילן האט אפגעקערט פון איר פאלק.

ער האט געווייטיקט, טיף געווייטיקט, און געטראגן האט ער דעם ווייטיק מיט א גרויסער גייסטיקער גבורה ווי איוב בשעתו.

ער פלעגט זיך טרייסטן, דערציילט זיין בן־עיר א. אלפערין — דער באקאנטער יידישער זשורנאליסט — מיט א פסוק פון תהלים, וואס ער אפט דערמאנט: „לולי תורתך שעשועי, אז אבדתי בעניי". ד.ה. ווען איך דערקוויק זיך נישט מיט דיין תורה, וואלט איך שוין לאנג אומגעקומען אין מיין פיין.

און דערפאר האט ער געקאנט זאגן: „איך זיץ מיר אויף א צווייג פון מיין בוים און פייף מיר א לידעלע!".

די צווייג האט זיך ענדלעך איינגעבראכן.

דאס לידעלע איז געבליבן — נישט פארענדיקט.

## אלגא סומך־פיליפס

## אלפרעד אלווארעז ניומאן

(דער מענטש וואס האט אפגעראטעוועט בעוויס־מארקס)

א גרויסע פאראינטערעסירונג רינגלט איצט ארום די בעוויס־מארקס שול און אויך אירע אינערע אנגעלעגנהייטן.

עס איז דעריבער העכסט אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז אין יאר 1886 איז אט די שול געשטאנען פאר א סכנה דעמאלירט צו ווערן און אז אדאנק די אנגעשטרענגטע באמיאונגען פון אלפרעד אלווארעז ניומאן איז דאס נישט צושטאנד געקומען. הגם ער אליין איז נישט געווען קיין מיטגליד פון אט דער שול, האט ער דאך אויף זיך גענומען צו גרינדן „א ליגע קעגן דעמאלירן בעוויס־מארקס" מיט דער באטייליקונג פון לעאפאלד גרינבערג (דעם שפעטערדיקן רעדאקטאר פון דער „דזשואיש קראאניקל") און די ספרדים חיים גדליה און אברהם אנידיאר ראמעין. לייענען מיר דאך אין אלבערט הייאמסאנס „געשיכטע פון די ספרדים אין ענגלאנד", אז „אט די קערפערשאפט האט איבערגעבן א בקשה דעם מחמד * אין פעברואר, 1886, בעטנדיק א יישוב־הדעת אין שייכות מיטן באשלוס צו דעמאלירן דעם בנין פון דער סינאגאגע", ווייל „די אונטערגעשריבענע אויף דער בקשה האבן די גרעסטע ליבשאפט און יראת הכבוד פאר דער בעוויס־מארקס סינאגאגע, א בנין, וואס איז ווי א מאנומענט לזכרון דער פרייהייט געשענקט דעם ענגלישן יידנטום, אזוי אינטים פארקניפט און פארבונדן מיט דעם אוסקער פון יידן אין דעם דאזיקן געבענטשטן לאנד אריין, וואו, פון דעם טאג אן ווען ר' מנשה בן ישראל, אייער בארימטער עלטער־פאטער, האט ארויפגעשטעלט זיין פוס, ס'זענען אונזערע פרייהייטן כסדר פארטיפט און אויסגעברייטערט געווארן מיטן פראגרעס פון דער מדינה גופא. זיי פילן, אז מיטן חרוב מאכן אזא געביידע וואלט די גאנצע יידישע קהלה, בכלל, געליטן א געוואלטיקע אבידה, וואס מען וואלט קיינמאל נישט געקענט ווידער גוט מאכן, און נישט געקוקט אויף דעם פאקט, אז אין די

* דער פארשטאַנד פון דער ספרדים־קהלה.



איצטיקע אומשטענדן באנוצט זיך מיט דער שול בלויז דער ארימערער טייל פון אייער עדה, וועט איר דאך קומען צום שלוס איבערצולאזן פאר די מתפללים אט דעם ערווירדיקן בנין אין זיין גאנצן פארנעם". דער מחמד איז, לכתחילה, נישט געווען גענייגט נאכצוגעבן, אנווייזנדיק, אז דער באשלוס איז אנגענומען געווארן אויף א פארזאמלונג פון א גרויסער צאל יחידים. אבער יוסף דע קאסטרא איז געווען אויף דער זייט פון די קעגנער צו דעמאלירן, הגם גבריאל לינדא האט זיך אים אקייגנגעשטעלט. אזוי זשע אדאנק גרעסטנטיילס די באמיאונגען פון ניומאן איז דער פלאן צו דעמאלירן דעם היסטארישן בנין בטל געווארן. עס טוט איינעם לייד צו טראכטן, אז אזא געאכפערטע פערזאן אינערהאלב און אויסערהאלב דער יידישער קהלה איז פאר דער צייט אוועק פון דער וועלט.

אויף וויפל מען קען נאכפארשן, איז ער נישט געווען קיין גליד, פון דער גוט־באקאנטער ספרדישער אלווארעז־פאמיליע. אבער עס קען זיין, אז מען האט אים א נאמען געגעבן אלפרעד אלווארעז נאך דעם קאסירער פון דער סאוט־איסט לאנדאן סינאגאג צו יענער צייט — אלפרעד איז געווען א נאמען אין יענער פאמיליע.

אלפרעד אלווארעז ניומאן אליין איז געווען דער עלטסטער זון פון סעמיועל ניומאן פון וועסטבארן ראוד, פארעסט היל, און אין דער צייט ווען ער איז געשטארבן, האט ער געוואוינט אין וועסטבארן־פארק ווילאס א גאנץ קליינע שטרעקע פון דער בעיסוואטער סינאגאג, וואו ער איז דאך נישט געווען קיין מיטגליד; אויף וויפל מר. פנחס מאי, דער איצטיקער סעקרעטאר פון יענער שול, האט עס געקענט פעסטשטעלן. דער פארטגעשריטענער זון פון סעמיועל ניומאן איז געשטארבן פאר אים, און דאס האט אים זיכער פארשאפט גאר אסך צער. סעמיועל ניומאן אליין איז אלט געווען בלויז זעקס און דרייסיק יאר צו דער צייט פון זיין אייגענעם טויט.

קובר געווען האט אים דער רעוו. שמעון זינגער, און צו זיין לוויה זענען געקומען אסך ארבעטער פון זיין בארימטער שמידעריי. מען האט אלגעמיין באדויערט זיין פריצייטיקן טויט, און קאנדאלענצן זענען געשיקט געווארן דער אלמנה זיינער און דער פאמיליע מצד א ריי קערפערשאפטן, וואס זענען געווען אנגעשלאסן אין דער אנגלא־דזשואיש היסטאריקעל עקסהיבישאן, וואו ער אליין האט געהאט אן אייגענע אויסשטעלונג פון זעלטענע יידישע דרוק־זאכן און פאמפלעטן.

ניומאן גופא האט געגרינדעט די „אלט־ענגלישע שמידעריי" אין ארטשער סטריט, היימארקעט, וואו ער האט געארבעט אין א משך פון פיר יאר; במשך פון אט דער קורצער צייט איז עס אים געלונגען צוצוציען צו זיך א קליינטעלע פון בארימטע פערזענלעכקייטן, וואס פאר א טייל פון זיי איז די שמידעריי געווארן אן ארט סאלאן צו פארקערן. צווישן די דאזיקע האבן זיך געפונען דער דוכס פון וועסטמינסטער, דער דוכס פון נארפאלק, דער מארקיז פון נארטהאמבערלאנד, די באראנין אנטאני דע ראטשילד, סיר קוטס בארדעט

געטון פאַר ישראל ווי אַלע יידן צוזאַמענגענומען.

לינדסעי און אלמא טאדעמא די אַקטריסע.

אלפרעד אלוואַרעז ניומאַן אליין איז געווען א טאלענטירטער פאכמאַן, וואס האט ווידער אויפגעלעבט די קונסט פון דעם שמיד אין איר מיטלאלטערלעכער פארם: ער איז געווען א מעטאל־ ארבעטער, וואס האט דערהויבן די מלאכה פון אויסגעהעמערטער אייזן־ארבעט אין ענגלאנד. אין איטאַן־האלל, טשעשיר, קאן מען נאך זעען איינעם פון די בעסטע מוסטערן פון זיין ארבעט.

ער האט אנגעשריבן א ריי אפהאנדלונגען פאר דער געזעלשאפט פון ארכיטעקטן און אנדערע ענלעכע געזעלשאפטן; אויך האט ער געלייסטעט ווערטפולע ארבעטן פאר די קונסט־פארוואלטער פון דער פאלקסטאון־עקסיבישאַן.

ער האט עס פארדינט, אז מען זאל עס געדענקען ווי מיט זיין ענטוזיאזם איז עס אים געלונגען מציל צו זיין דעם ערווירדיקן בנין פון בעוויס־מארקס פון א פריצייטיקן סוף.

## מ. אלמאַן

## נאטיצן פון א לייענער

### אן ענטפער אויף א טענה

ס'איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו לייענען אן ערנסטן פעליעטאָן פון ב. שעפנער אויף דער טעמע: „א וואָרט צו אן אומבאקאנטן יידן". אין דעם פעליעטאָן ברענגט ער צום אויסדרוק זיין פארוואונדערונג, פארוואָס עס גייען פארלוירן דאָ די גראַטעוועטע פון דאָרט. ער שרייבט: „אין די טויזנטער קען מען זיי אָפציילן. אין דער היים האבן זיי געהערט צו פארשיידענע פארטייען און קולטור־אָרגאניזאציעס; דאָרט האבן זיי געהאט א שטארקן אינטערעס פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט, אָבער דאָ זענען זיי „פארלוירן" געוואָרן.

... „זיי האבן זיך אין גאנצן אריינגעוואָרפן אין פריוואטן לעבן, אין מאכן געלט, אין אָפנעמען זיך פאר די פאָר נישט געלעבטע יאָרן".

ברענג איך דא די ווייטערדיקע שורות ווי אן ענטפער פון און „אומבאַקאנטן יידן".

לייבאָר־פאַרטרעטער

יאָר־יערלעך, אין מאי־חודש, קומען פאָר אין מאנטשעסטער (אין ענגלאנד) צוגאב־וואלן צום שטאָטראט. די קאנדידאטן אויף קאונסילאָרס (ראטמענער) קלייבט אויס יעדער פאָליטישע ריכטונג א פאָר חדשים פריער. לייען איך איצטער אין דער אָרטיקער פרעסע די מעלות פון א יידישן לייבאָר־קאנדידאט.

ער (דער קאנדידאט) איז איצטער אין א בעסערער מאטעריעלער לאגע ווי אין די אמאָליקע טעג פון ארעמקייט אין הייטאון, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, א פיינער משפחה־מאן און אן איבערגעגעבנער זיידע. ער איז דער אייגנטימער פון א פאַקטארי, וואס ארבעט אויס רעגנמאנטלען...

צווישן די עטלעכע מנינים (איך האב נישט פונקט די גענויע ציפער)



יידישע לייבאָר קאונסילארס אין מאנטשעסטער קען איך בלויז איינעם וואס לעבט פון פיזישער ארבעט, אן אַנאַכראָניזם, ער איז געוויילט געווארן מיט א צוואנציק יאָר צוריק...

איז נישט קיין וווּנדער וואס די גראַטעוועטע ווילן „מאכן געלט", זיי ווייזן דערמיט ארויס זייער ווילן צו ווערן פארטרעטער פון ארבעטער־קלאס...

אָקטאָבער, 1961

## ל. ביילי

### „שלא יכשלו בלשונם"

ליבער פריינט שטענצל,

דורכלייענענדיק אייערע באמערקונגען אונטער דעם אויבנדערמאנטן קעפל, האב איך זיך שטארק געוואונדערט אויף אייך וואס איר קאנט אזוי לייכט „כשרן" א מסור; איבערהויפּט אזא מסור ווי ווערגעליס, וועלכער האט אויף זיין געוויסן אזויפיל יונגע לעבנס, פארשניטענע פאר דער צייט. נאכמער — אזויפיל פון אט די לעבנס זענען געשטאנען אויף א הויכן שטאפל פון יידיש, און קולטור־טרעגערס, ווי איציק פעפער, לייב קוויטקא, דוד בערגלזאן, פרץ מארקיש און אסך אנדערע גייסטער.

איך ווייס און קאן פארשטיין אייער גרויסע ליבע צו יידיש־לשון און צו יידישער קולטור, און אז דאס מאכט אייך גארנישט זען. ווי זאגט מען, ליבע איז בלינד...

אבער, פריינט שטענצל, עס איז שוין צייט איר זאלט זיך ארומקוקן און איינזען דאס, וואס אברהם רייזין און משה נאדיר ז"ל האבן נאך לאנג צוריק איינגעזען און אסך אנדערע אין יידישער קולטור־וועלט!

סטיווען ספענדער און ארטור קעסטלער אין ענגלאנד, אנדרע זשיד און נאך שרייבער אין פראנקרייך, איגנאציא סילאנע אין איטאליען, האבן באלד איינגעזען און אויך תיכף דערשמעקט, אז דער ריח פון דעם לאנד פון די ספוטניקס און דעם ארייננדרינגען אינם חלל פון קאסמאס איז אזא געשמאקער אז מען קען אזש פון אים אויפן ארט פארסמט ווערן...

ניין, מיין ליבער שטענצל, איר קאנט נישט פארגלייכן דאס מעשהלע פון דעם „אור זרוע" מיטן מאסקווער קרעמל! דער קרעמל פארקערפערט מיט זיך א טיראניע, וואס זינט די מענטשהייט עקזיסטירט איז נאך אזעלכעס אויף דער וועלט נישט געווען.

עס ווילן נאך גענוג וואסערן דארפן אפלויפן ביז איר וועט פון דארטן הערן די טענער און ווערטער פון כל נדרי.

טייערער פריינט שטענצל, איך בעט אייך צו זיין אזוי גוט און אפצודרוקן מיין באמערקונג אין אייער „לשון און לעבן". איך האף, אז איר וועט עס טון, און איך דאנק אייך פארויס.

זייט געגריסט, און איך ווינטש אייך א גוט און א געזונט יאר,

ל. ביילי

ענטפער פון דער רעדאַקציע:

ליבער פריינט ל. ביילי, מיר וווינען דאָך אין אַ דעמאָקראַטישע מדינה, דריק איך אָן אייער בריוול.—ש.

## מכוח העברעאישן חינוך אין לאנדאן

דער היינטיקער חודש איז דאָס יידישע וועלטל אינגאַנצן אונטער פייער פון מלחמת־הקיום פון העברעאישער דערציאונג אין מלכות־ענגלאַנד, ממש וואַסער באַמבעס פלאַצן — מ׳רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער״, אָבער יידיש לא יזכר ולא יפקד.

שרת רעדעס זיינען פול מיט די געוואַלטיקע זיגן אין דרום אמעריקע, אין דרום־אפריקע. ער דערציילט אבער לגמרי נישט אין זיינע דיפלאָמאַטיש פיין־אויפגעבויטע שמועסן, אַז דער געראַנגל אויף יענע קאָנטינענטן, דער שליחים־סטאַרעטיגיש־ברוטאַלער־אופן איז אויף די קאסטן פון די יידישע שולן. דאָ אָבער האבן די יהודים־זייאָניסטן — שמעון ולוי אין איין בונד! — זייער מלחמת־מצוה שוין טאַקטיש געפירט און דער־פאַקטאָ אויסגעפירט: „זאָלן עס קאָסטן דאָס לעבן, נאר יידיש מוז אויסגעראָטן ווערן — היברו וועט מען ממילא נישט קענען!“

די „מאַסן“־פעראַזמלונגען זיינען נאָך אין פולן ברען קיין יידיש־רעדנער האָט אפילו דער מפ״ם און די אחדות העבודה נישט געשטעלט. יאָ, א יידיש וואָרט וואַרפט אַ רעדנער אריין די מרה־שחורה אין זאָל אויפצוהייטערן — אָ דער כוח פון מאמע־יידיש: איין פאָלקלאָר וואָרט און אַלע הערצער קלינגען, אויף ווי גאָלדענע רענדלעך.

אפראָפּאָ: אָנגעהויבן דעם חודש האָט פראָפעסאָר ערנסט סימאָן מיט א רעפעראַט איבער יידישע אינטעלעקטואַלן. ביים אַרויסגיין זאָג איך צו באַטאַני, דעם מפ״ם פירער אין לאָנדאָן: „אויף אונזער פראָסט יידיש קאָן מען באמת נישט ריידן קנאַפּע צוויי שעה אַזוי גייסטרייך און ציטאַטן־זאַט און אַזוי וויניק זאָגן, אין אונזער יידיש מוז מען זיך סוף כל סוף צו עפּעס דעררעדן“.

אבער ערנסט סימאָן, ווי אַ טראַדיציאָנעלער ייד, ווי א יידישער אינ־

---

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער**

שבת, דעם 28׳סטן אָקטאָבער — י. ח. בענקוויטש — פון זיין נסיעה אין ישראל.

די אַקטיאָרן סעם גאָלדבערג און עלען ווינגראַד צו זייער אָפּפאַר קיין אַמעריקע וועלן זיך מיט עולם געזעגענען און זינגען פאָלקס־לידער.

מיר זאָגן זיי, אַ האַרציקן צאתכם לשלום.

שבת, דעם 4׳טן נאָוועמבער — געווידמעט דעם שאַפון אפרים קאַגאַנאָווסקי צו צו זיין צווייטער יאָרצייט.

שבת, דעם 11׳טן נאָוועמבער — געווידמעט דעם יידישן מלוכה טעאַטער פון פוילן וואָס גאַסטראַלירט איצט אין פרינצעס טעאַטער.

שבת, דעם 18׳טן — סעם לעף רעפעראַט: „די פאָליטישע וועלט־סיטואַציע“.

טעלעקטואל, וועט על כל פנים מודה זיין, אז אין אונזערע דורות, איידער די סאַבראַס און די מ׳זוג־התפוצות וועלן זיך האָבן „דערראָבערט״ אַ מאָדערנעם העברעאישן פאָלקלאָר מוז א יידישער אינטעלעקטואַל נאָך קענען יידיש און די יידישע ליטעראַטור. און די קומענדיקע דורות אי״ה וועלן מסתם נאָך ווייטער כאַפּן אַ שמועס איבער דעם האַרבן ענין און דווקא — אין יידיש!

האָט דאָך שוין פראָפעסאָר דר. חיים ווייצמאַן דער ערשטער פרעזידענט אין ישראל, דער פאָלקסטימלעכער ייד פון מאָטעלע געפרעגט דאָס וואָרט „יידיש־קודש“, ווייל פאַר דעם עכטן יידישן אינטעלעקטואַל איז דאָס אַלטע לשון־קודש און דאָס יינגע מאַמע־לשון נאָר צוויי זייטן פון איין זהב־טהור געגאָסענע מטבע, יענע נאָך וואָס גאָט האָט געוויזן משה רבינו׳ן אויף הר־סיני.

און צום סוף אַן עצה־טוב צו אַלע וואָס באַמיען זיך באמונה פאַר יידישע דערציאונג, סיי פאַר די נפטר־ממפטיר נאָכמיטאָק־סקולס, סיי פאַר די חדרים און ישיבות און טאָג־שולן, אז זיי זאָלן לעבן אויף אייגענע קאָסטן — „חי נושא את עצמו“! — און נישט אויף די קעסט פון שילומים־געלדער. נישט קשה די תורה וואָס לאָנדאָנער יידן קענען, אָדער וועלן אי״ה קענען, אַזויפיל שכר לימוד קאָנען נאָך לאָנדאָנער יידן צאָלן. אז נישט קאָן נאָך אן עומד על גביהם, א גבאי איבער אַלע גבאים צו זיי אויסשרייען: אדענאוער־דייטשלאַנד האָט מער געטון פאַר יידישקייט פאַר תורה, פאַר עברית פאַר יידישע רעליגיע, ווי אַלע יידן צוזאַמענגענומען, ווי דער ציוניסטישער־און יידישער וועלט־קאָנגרעס וועלט־פרעזידענט, דר. גאָלדמאַן, האָט אויסגעשריגן: אז די אדענאוער־דייטשלאַנד האָט מער געטון פאַר ישראל ווי אַלע יידן צוזאַמענגענומען.

## דר. יעקב מייטליסן א רפואה שלימה

דר. יעקב י. מייטליס, וואָס האָט לעצטנס געמאַכט אַ גרויסן רושם, נישט נאָר ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, מיט זיין בוך „די שבחים פון ר׳ יודע חסיד“, גייט די טעג אין שפּיטאָל אַריין אויף אַן אָפּעראַציע. ווינטשן מיר אים אַ רפואה שלימה און אַרויסקומענדיק א געזונטער האָבן דעם הרחבת הדעת ווייטער אָנצוגיין מיט זיין גרינדלעכער יידיש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.

## דר. אהרן שטיינבערג א בן-שבעים

אונזער קולטור־אָרגאניזאציעס דאָ דאַרפן צוגרייטן א געהריקע פייערונג מיט אונז זיינען יום־טובדיקע. זאָגן מיר דעם חשובן גאַסט אַ פריילעכן ברוך קעניגליכע מידה, „ומאן מלכים חכמים“. אָבער דער חוב וואָס ליגט אויף אונז טאָרן מיר נישט פאַרגעסן. מיר האָבן לגמרי נישט, א סך אַזעלכע תלמידי־חכמים, אפילו אין גרעסערע ישובים, ווי אונזערער דאָ, איז קודם די ברכה: „עד מאה ועשרים שנה“ און כוחות צו שעפערישער אַרבעט.

## יוסף לעפטוויטשן צו זיין דערפאלג פונם פרץ-בוך

צום פרץ־בוך וואָס איז איצט אַרויס אין ענגליש אין יוסף לעפטוויטש׳ס איבערזעצונג, און „די גאָלדענע פאַווע“, די געזאַמלטע יידישע פאָעזיע אין א נייע פארגרעסערטע אויפלאַגע, און בפרט צו זיין נעמען זיך אינטענסיוו שרייבן אין יידיש, נישט נאָר זיינע פיינע עסייען, נאָר אויך לידער — חזק־ואמץ!

## צו אלחנן וואגלערס באזוך

צוזאַם מיט די אָפּגעראַטעוועטע דיכטער פון „יונג ווילנא", געהער אלחנן וואָגלער צו די געציילטע לעבעדיקע פּאָעטן מיט בלייבנדיקע נעמען אין אונזער דיכטונג. ער איז געבליבן שטעקן אין איירָאָפּע, אין פאריז, איז דאָ אַ מעגלעכקייט ער זאָל פון צייט צו צייט באַזוכן אונזער ישוב. די טעג וואָס ער ווילט מיט אונז דיינען יום־טובדיקע. זאָגן מיר דעם חשובן גאַסט אַ פריילעכן ברוך הבא.

ש.

יידישער וועלט־קאנגרעס (קולטור־אפטייל) און פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן אין ענגלאנד איר ווערט פארבעטן אויף א

### ליטעראַרישן אוונט

לכבוד אונזער חשובן גאסט, דעם באקאנטן דיכטער

### אלחנן וואגלער

זונטיק, 5'טן נאוועמבער, 1961, דריי אזייגער בייטאג אין קארא האטעל, אפער וואובארן פּליים, וו.ס.1

Cora Hotel, Upper Woburn Place, W.C.1

אלחנן וואגלער וועט אויפן אוונט רעפערירן אד"ט: **משה קולבאק — זיין לעבן און שאפן** (25 יאר נאך דעם דיכטערס „פארשוואונדן" ווערן)

באַגריסונגען:

י. הארענדארף — מ. זילבערבערג — י. א. ליסקי — יוסף פרענקעל

פאַרזיצער: **א. מ. קייזער**

— איינטריט פריי.

### מזל טוב

צו דער טאָכטער פונם שרייבער א. מייזל ע.ה., און די אַקטריסע קלאַראַ מייזל ע.ה. **רות מייזל** מיט **שארלס שניידער**, אונזער האַרציקן מזל־טוב.

„פריינט פון יידיש לשון"

### חבר מייקלס א בן שבעים

צום זיבציקסטן געבוירן יאָר פון חבר מייקלס, דעם סעקרעטאַר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע"־גרופּע ווינטשן מיר דעם בעל יובל נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן אָנצוגיין מיט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

לשון און לעבן

פריינט **ליפע קארן** געפינט זיך אין יידישן שפיטאָל, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

„פריינט פון יידיש לשון"


„די אידישע שטימע"

**די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: **BIS. 9804**


# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 12 (העפט 362) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


לכבוד חנוכה תשכ"ב, „מי כמוך באלים ד'", די וואַנט אין בערלין, אַ דאַנק אייך יידישע אַקטיאָרן־קינסטלער פון פוילן ........ ** 1

דערקלערונג וועגן דער חשמונאים־געשיכטע (עסיי) ........ י. ריכטיגער 5

יאַנקל בראַכיעס דער דרדקא מלמד — ביאַלע אירע אייגנאַרטיקע טיפּן (דערציילונג) ........ משה בעקערמאַן 10

אותיות (פּאָעמס) ........ יוסף לעפטוויטש 15

גייסט שפּאַצירן, מיט אַן איינציק בוך, ווען מענטשן ווערן עלטער (דריי מיניאַטורן) ........ ש. טענענבוים 15

דריי באַלאַדעס „החוט המשולש . . ." 1) דער ב"ח און דער מגלה־עמיקות, 2) דער רבי ר' שמעלקע און דער לעמבערגער רב, 3) דער פּאָעט זישע באַגיש. בין הזמנים (פּראָזע) ........ א. נ. שטענצל 16

לאָנדאָנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס



פריינט פון יידיש לשון

**גראנדיעזער חנוכה באל** (טאנץ און לאטקעס) **דריידלעך**

חנוכה־ליכט צינדן **חזן רעוו. שמואל ראטה**

אין דער אלדער האל, אדלער סטריט, א.1.,

**זונטיק**, 3־טן דעצעמבער, 1961,

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אנפאנג, 7.30



### פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*